STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00336

DI SHEYNE ROYZ

Kehos Kliger

Permanent preservation of this book was made possible by
Jules H. Bromberg, M.D.
in memory of
Evelyn Konoff Bromberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעהאָס קליגער

די שײנע רױז

ביכער-סעריע

דאָס פּױלישע ייִדנטום

172

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָװ

פאַרלאַגס-לײטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

קעהאס
קליגער

די שיינע רויז

(טעג און נעכט פון אַ מיידל)

הילע און צייכענונגען — י. ראַטנער־מירסקי

✶

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס 1964, ה׳תשכ״ד

אינהאַלט:

ווי שיין איך בין

זעכצן יאָר — 13
ווי שיין איך בין — 15
כ׳וואַקס אַרויס פון קליידל — 17
דעם סופר׳ס זון — 19
מינדל רעדט מיר אַ חתן — 21
אַליין אין שטוב — 23
די לאַנגע רייזע — 25
אויפן געלעגער — 27

בענטשליכט און בהלה

אַ ציגיינערטע — 31
קאַטעק טשעפּעט מיך — 33
ביים רופא — 35
אין די גרויסע היצן — 37
בענטשליכט און בהלה — 39
מ׳לויפט צוריק — 41
נישטאָ איטע! — 43
פייערדיקע פייגל — 45

די מאַמע לאָזט אַ טרער

מיר פאָרן צום רבין — 49
הערשל ווערט געפרוירן — 51
אין אַליק — 53
אויפן וועג — 55
ביים רבין — 57
דער רבי הייסט חתונה־האָבן — 59
אין קרעטשמע — 61
דער טאַטע, נעבעך — 63

אַהיימצוּוועגס — 65
די מאַמע לאָזט אַ טרער — 67

ליבער גייט אַוועק

אַ פּריטיק צו נאַכטס — 71
אין חלום — 73
דער טאַטע דערציילט — 75
יענעם פרימאָרגן — 77
ליבער גייט אַוועק — 79
ראָסיע — 81
אַ קרובה — 83
מנוחה פאַרנעמט זיך — 85
קרוסע שיקט אַ שדכן — 87
די אייגענע נאַכט — 89

דער שוואַרצער מוצאי־שבת

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן — 93
סנאַראַדן — 95
נאָך דער שלאַכט — 97
האַלערטשיקעס — 99
הינטער די לאָדנס — 101
מיין חתן שטייט דערשאָסן — 103
דער ערשטער געשריי — 105
דער שוואַרצער מוצאי־שבת — 107
„אָטוווזש דזשווי״ — 109
„יאַקאַ צודנאַ ליאַלעטשקאַ״ — 111
צו מאָרגנס — 113
קאַטעק מאָזלט — 115

אַ ביטערער גרוס

דער טאַטע אַז אַ באָרד — 119
אַ ביטערער גרוס — 121
הונגער — 123
טיף אין וועסנע — 125
עפּלביימער — 127

אַ ברויט — 129
בענקעניש — 131
אין גלחס סאָד — 133
הינט און שרעק — 135
שטראָפרייד — 137
איך ווער קראַנק — 139
לייבס פידל — 141

קום צו מיר

דעם רבס פּאַפּירל — 145
ראָסיע ווײַנט — 147
ליבער לעבט נישט — 149
קרוזשעוועס פייער — 151
קום צו מיר... — 153
די ציגאַנקע און דער רבי — 155
אין געוויטער — 157
גאָטעניו — 159
אַן אַפּשפּרעכערקע — 161
מ׳גיסט מיר וואַקס — 163

די שיינע רויז וויאַנעט

אויס מלחמה — 167
ביים שפּיגל — 169
סאָסנעס און שאָטנס — 171
אויף אַ וועסעלע — 173
צוריק אין דער היים — 175
טשאַיקאָווסקיס סערענאַדע — 177
ערב ימים־נוראים — 179
צו כל נדרי — 181
אָסיען — 183
דער לעבעדיקער קבר — 185
וואָס די שויבן זאָגן — 187
„די שיינע רויז וויאַנעט" — 189

פּאָרטרייטש פון ווערטער — 191

מיין פרוי
און מיינע קינדער

מיין שוועסטער, וואָס האָט געהייסן איטע
און צו פרי געוואָרן אַ רייפע פרוי,
האָט אָנגעהויבן וויאַנען אַ צעבליטע
פונקט אַזוי ווי אַ שיינע רויז אין טוי.

מיין שוועסטער, וואָס האָט געהייסן איטע
און אַ וואָך צו אַכצן האָט איר געפעלט,
ווי אַ כלה האָט מען זי אויף דער מיטה
אַוועקגעטראָגן פון דער שיינער וועלט.



ווי שיין איך בין

זעכצן יאָר

איך בין שוין אַלט זעכצן יאָר,
נאָר אויסזען כ'זע אוים פון נײַנצן.
די מאַמע קעמט מיר נאָך די האָר,
נאָר איך וואָלט שוין וועלן טאַנצן.

זי היט מיך אָפּ, — אַן אויג אין קאָפּ
טוט מען בעסער נישט היטן.
זי זאָגט, אַז בלויז מײַן בלאָנדער צאָפּ
קען אָנצינדן די געבליטן.

זי לאָזט מיך שטיין נאָר אויפן טיר,
אָבער נישט אַרויסגיין פון געסל.
אַ מאָל אַ פרײַטיק זי פּאַזוואָליעט מיר,
כ'זאָל גיין ווי באָרגן אַ פרעסל.

תמיד זיץ איך אין שטוב אַליין
און כ'האָב נישט קיין חברטאָרן.
מיך כאַפּט אַזש אָן ביז צום געוויין —
אַ מיידעלע אין מײַנע יאָרן!

די מאַמע טענהט אין די נעכט:
„אַ ייִדיש קינד דאַרף זײַן לייטיש — — —"
איך אָבער מיין, זי איז נישט גערעכט,
כ'בין נישט ווי זי פּאַרצייטיש.

די מאַמע איז נישט קיין שלעכטע, ניין!
זי מאַכט מיר נײַע קליידלעך
און זאָגט: „קינד, ביסט אין זיי שיין,
שענער פון אַלינקע מיידלעך".

נאָר אין שענסטן קליידל ווײנט
מײַן ליבּ מיט הייסע טייכן טרערן — — —
ווײַזט אויס, מײַן מאַמע מיינט —
איך דאַרף ערשט אַ מיידל ווערן.

ווי שיין איך בין

ווי שיין איך בין. כאָטש די מאַמע
וויל עס מיר נישט זאָגן
אַפּילו ווען זי טוט מיך באָדן,
צי פרייטיק נאָכן צוואָגן.

מיינע באַקן מיט די גריבעלעך,
ווי ראָזעווע צוויי עפּל;
דאָס דין־געטאָקטע אויערל —
ביז אַראָפּ צום לעפּל.

דאָס פּיינע געשניצטע נעזל —
אַ פייגעלע צום פליִען.
ליפּן פּונקט ווי רויטע קאַרשן,
די ציין ווי שניי זיי גליִען.

די אויגן — בלאָווע אָזיערעס,
טיפע — ווי די ימען;
און מיין קאָפּ מיט בלאָנדע לאָקן —
אַ וועלדעלע אין פלאַמען.

ערשט איצט, ווען כ'זיך אַ נאַקעטע
ביי אונדזער גרויסן שפּיגל
(קיינער איז נישטאָ אין אַלקער,
די טיר איז אויפן ריגל),

באַקוק איך מיינע קלאָרע אַקסל,
ווי הויך די בריסטן זענען
און פיל, ווי ס'צוקט מיין טאַליע,
ווי מיינע לידקעס ברענען.

כ׳קוק אויף די ווייסע שענקלעז,
אויף די רונדע קליבעם — — —
אוי, ווי כ׳בין מקנא די מיידלעך,
וואָס זיי פירן ליבעם.

כ׳וואַקס אַרויס פון קליידל

איך וואַקס אַרויס פון די קליידלעך,
די סטאַניקעס ווערן ענג;
כ׳יער אַקוראַט ווי אויף הייוון —
אין דער ברייט און אין דער לענג.

ס׳נייע מיט די גרויסע שליאַרעס
קען איך שוין אויכעט נישט גיין,
איך רעד שוין נישט פון די יופּקעס —
אַלע זענען זיי מיר קליין.

און וויפל בין איך אַלט? זעכצן!
שוין זעכצן ווערסנעס פאַרברענט.
נאָר מ׳דאַרף מיך, מיינט די מאַמוניע,
נאָך טראָגן אַלץ אויף די הענט.

זי היט מיך אָפּ? מהיכא-תיתי,
אויך דאָס אַ ביסל מיך אַרט,
ווייל אַ מויד אין מיינע יאָרן —
פאַר וואָס האַלט זי מיך פאַרשפּאַרט?

וואָס בין איך, אַ רבס אַ טאָכטער?
איר מורא גיי און פאַרשטיי!
איך פּלאַץ אַרויס פון די נאָטן
און מיין האַרץ פּלאַצט הינטער זיי.

און אַז יאָ אַ רבס אַ טאָכטער,
ווער ווייט זי אויפכאַפּן, ווער? —
מיט דער מאַמען זיין סאָגלאָסנע
איז תמיד געווען מיר שווער.

כ׳סמעיע נישט רעדן אַקעגן,
ווייל די מאַמע האָט מיך ליב,
אָבער הערט נישט — מיין האַרץ כליפּעט,
ווי טעמנאָטע ס׳איז, ווי טריב.

איך וואַקס אַרוים פון די קליידלעך,
ווי פון הייוון כ׳וואָלט געוועז.
דאָס שפּאַרט דאָך אַרוים מיין לעבן —
און קיינער וויל עס נישט זען.

דעם סופרס זון

ווי מיר געפעלט דעם סופרס זון,
דער בן־יחיד זיינער — ליבער,
וואָס וווינט אַרונטער אונדזער שטוב
אַ שפּאַן דעם סמאָטש אַריבער.

אַנומלט האָב איך אים געזען
און טאַקע פון דער נאָוונט;
אַ ספר האָט מען דענצמאָל געפירט
און ס׳איז געווען אין אָוונט.

ער איז אַקוראַטנע מיין ראָסט,
אַ טשוטקעלע בלויז קלענער;
נאָר, מאַמעס, איז ער שיין — אַ פּרינץ —
און אפשר טאַקע שענער!

ער האָט זיך ניבע־טאָ געמאַכט —
ער זעט מיך נישט אפילו
און אַלץ געקוקט צום טריסקער קלויז,
ווו די קלעזמאָרים שפּילן.

איך האָב געפילט — ער קוקט אויף מיר,
ער עסט מיך מיט די אויגן;
נאָר איך האָב מיך אַזוי געשעמט —
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.

די קלעזמער האָבן וואַזשנע געשפּילט
אַ פריילעכס און אַ ניגון,
אָבער מיר איז געווען טראָוועריק
און כ׳בין אַרויף די שטיגן.

וואָס כ'האָב אויפֿן געלעגער געטראַכט —
טאָר אַ מיידל נישט זאָגן — — —
ווי דאָס ספר וואָלט ער מיך געקושט
און אויף די הענט געטראָגן.

מינדל רעדט מיר אַ חתן

אויף מינדלען, יאָסל רימערס ווייב,
האָט מיך נעכטן שטאַרק פאַרדראָסן.
זי לויפט אַריין צו אונדז און זאָגט:
— „איטקע, כ׳האָב פאַר דיר אַ חתן!״

(די מאַמע האָט געשטריקט אַ זאָק,
נישט אויפגעהויבן די אויגן.
ס׳איז געווען פאַר נאַכט ווען זי איז,
ווי אַ וואָראָנע אַנגעפלויגן).

„זיסקע פון דער ליניצע, וואָס האָט,
נעבעך, ערשט דאָס ווייב באַגראָבן, —
גייט אין גאָלד! ער זאָל, זאָגט מען אויך,
זיינס אַ קאָמעניצע האָבן.

מאָלע וואָס ער האָט קינדער! נעכאַי
וואָלט מיך אַזאַ גליק געטראָפן — — —״
און זי גיט אַ פּאַטש מיט די הענט,
ווי אַ פויגל וואָלט אַנטלאָפן.

מינדלס רייד האָבן אין מיין האַרץ
פּונקט ווי אַ ביקס אויסגעשאָסן;
ס׳וואָלט געפּאַסט, עמיצער שיקט איר
זי זאָל מיר רעדן אַ חתן.

די מאַמע האָט געטון אַ הוק:
— „כ׳בין אייך מוחל דאָס גאָלד זיסקעס — — —״
אַז מינדל האָט פאַרהאַקט די טיר
מיט אָנגעדראָדלטע פּיסקעס.

דערנאָך האָב איך אין מאַמעס שויס
מיין ביטער האַרץ אויסגעגאָסן.
נאָר זי האָט מיך געקושט: „קינד מיינס,
וועסט האָבן אַ שענערן התן“.

אַליין אין שטוב

כ׳בעט דיך, מאַמע, גיי נישט אַוועק,
איך וויל נישט בלייבן אַליין;
און ביים פענצטער, ווי אַ דאָנדיק —
איז מיר סקוטשנע צו שטיין.

וואָס זעט מען ביי נאַכט אין געסל
און וואָס זעט מען דאָ ביי טאָג?
ווידער אַ שקאַפע, אַ וואָגן, —
מאַמוניע, נישט אַזוי? — זאָג!

אַרויסגיין — נישט; האָסט נאָר מורא
מ׳וועט מיך מיינע שונאים זיין.
ווען כ׳בין אַליין, דאַכט זיך מיר אויס,
אַז עמיצער קומט אַריין.

(פון די ווענט, זע איך, אַ שאָטן
שאַרט זיך צו מיר און גענענט — — — —
ער כאַפּט מיך אָן ביי די אַקסל
מיט אַזעלכע גרויסע הענט).

דער טאַטע האָט אַ חתונקע
און וועט זיכער קומען שפּעט.
ס׳איז מיר אויכעט גענוג סמוטנע
צו ליגן אַליין אין בעט.

קאַטעק איז אַוועק מיטן בעלפער
און לייב קומט פאַר טאָג פון קלוב;
אויסגיין זאָל עס נאָר צום גוטן —
מיין בלייבן אַליין אין שטוב.

דריי נישט צו פיל אַראָפּ ס'לעמפּל
און פאַרמאַך גוט די הויזנטיר.
דאָס האַרץ פאַלט מיר איין ווען עמיצער,
הער איך, פאַרעט זיך ביי איר.

כ'בעט דיך, מאַמע, גיי נישט אַוועק,
מיין פּחד דאַרפסטו פאַרשטיין — — —
אַז אויסגיין זאָל נאָר צום גוטן
מיין בלייבן אין שטוב אַליין.

די לאַנגע רייזיע

רייזיע די לאַנגע ביז דער סטעליע
און ווי אַ קאָציבע דאַר, —
זי נודעט מיך תמיד: „איטקעלע,
ביסט אַ שיינע מויד, נאָר אַ נאַר!

כ׳בין דאָך כמעט אין דיינע יאָרן,
עלטער אפשר מיט אַ וואָך, —
גיי איך שוין אליין שפּאַצירן
און יינגלעך לויפן מיר נאָך.

כ׳טו מיר אָן די שמאָלע יופּקע
און די טאַליע צי איך איין;
און אַז דער ביוסט זאָל זיין העכער,
לייג איך מיר עפּעס אַריין.

מענסט שוין זען, ווי אַלע בחורים
קריגן די כפרה פאַר מיר.
דאָס לייב איז מיר הוילע סיניעקעס —
ווען כ׳קום אַהיים פון שפּאַציר.

איינער — דו וועסט אים נישט קענען,
מיט לאַפּקעלעך פונקט ווי פּליוש, —
האָט מיך אויכעט אַרומגענומען
און געטון אַפילו אַ קוש.

איז אויב דו ווילסט, וועלן מיר שבת
אויף גנוינע אַ ביסל גיין;
נאָר מאַנעשעם פרעג נישט דער מאַמען,
זי וועט דיר זאָגן, אַז ניין".

אַזעלכע רייד רעדט צו מיר רייזיע,
די דאַרע נמאוסע מויד.
מאַמע, ווי איך פֿאַרשעם זיך אַזשע
און ווי ריצקע ווער איך רויט.

נאָר ביי נאַכט אין בעט, ווי אַ וואָרעם,
כ׳דריי זיך אַהין און אַהער.
אוי, ווי כ׳בין מקנא רייזיען — — —
און מיך שטיקט אַ הייסע טרער.

אויפן געלעגער

כ'האָב נעכטן נישט געקענט שלאָפן,
מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט;
האָבן זיך מיר עפּעס זאַכן —
איבערלישע אויסגעדאַכט.

מיר ווייזט זיך אויס — אַ נאַקעטע
כ'שלייע מיך אַרויס פון שטוב;
כ'לויף און פאַל אַריין פאַרחלשט
ערגעץ אין אַ טיפן גרוב.

עפּעס אַ גוי אַ געשטופּלטער,
מיט וואָנצלעך אַזוי ווי דראָט, —
כאַפּט מיך אויף אין זיינע אָרעמס
און שלעפּט מיך הינטערן שטאָט.

פּלוצים — אַז ליבער דעם סופרס,
פיל איך, ליגט לעם מיר אין בעט, —
קוקט מיר אַריין אין די אויגן
און די בריסטן מיינע גלעט.

כ'וויל שרייען, נאָר ליבערס ליפּן
אין מיינע עסן זיך איין — — —
און ווי פריִער — אין חלשות
פאַל איך נאָך אַ מאָל אַריין.

שפּעטער, איך דערזע — די מאַמע,
זי שטייט מיטן לאָמפּ אין האַנט;
נאָר איך — פאַרשעמט, כליפּע ביטער
מיטן פּנים צו דער וואַנט.

„קינד מיינס, וואָס האָסטו געשריגן?" —
פרעגט די מאַמע שטיל מיט שרעק;
נאָר איך שטיק אין מיר די טרערן
און זי שערוועט זיך אַוועק.

אויף מאָרגן בין איך געליגן
צעבראָכן פונקט ווי אַ טאָפּ.
דאָס גאַנצע לייב האָט וויי־געטון
און געזשווזשעט שטאַרק אין קאָפּ.



בענטשליכט און בהלה

אַ ציגײַנערטע

מאָנטיק פֿאַר נאַכט, װען כ׳בין געזעסן
אײנע אַלײן אױף דער טיר,
יאָװעט זיך צו אַ ציגײַנערטע
און זי זאָגט אַזױ צו מיר:

— „מײדעלע, פֿאַר אַ רעפּטל חלה —
אױף דער האַנט איך טרעף דיר גלײך,
װען דײַן שײנער חתן װעט קומען
און דאָס גליק, װאָס װאַרט אױף אײַך".

איך האָב זיך אַפֿילו דערשראָקן
און געװאָלט אַװעק פֿון איר;
אָבער זי שטײט און שמײכלט טשודנע
און פֿאַרשטעלט מיר שױן די טיר.

דערנאָך, זי גיט אַ כאַפּ די האַנט מיר,
די ציגײַנערטע און באַלד —
זי קוקט זיך אײַן און שעפּטשעט עפּעס,
אַז עס װערט מיר אַזשע קאַלט.

— „נײן מײדעלע, ער װעט נישט קומען, —
גיט זי אַ קרעכץ און אַ זאָג;
ער האָט נישט קײן אױגן, דײַן חתן,
און זעט נישט די שײַן פֿון טאָג.

נו, און דיר אַלײן, מײַן קראַסאַטקע,
איז באַשערט, װי כ׳זע — אַזױ:
װעסט, נעבעכקע, סטראַשנע לײדן,
װײַל דו ביסט אַ װאָזשנע פֿרױ — — —"

כ׳האָב מערער נישט געקאָנט אויסהאַלטן,
זיך געטון אַ ריס פון איר
און אַ באַשלאָגענע מיט אַנגסטן, —
מיט אַ פּענד פאַרהאַקט די טיר.

דער מאַמען האָב איך גאָרנישט דערציילט
פון דער ציגיינערטעס רייד.
נאָר ביי נאַכט — כ׳האָב נאָס געמאַכט ס׳קישן
און שטאַרבן געוועזן גרייט.

קאַטעק טשעפּעט מיך

— קאַטעק טשעפּעט מיך, מאַמוניע,
קום נעם אים אַרויס פון בעט!
פונקט דאָרט ווו כ׳קאָן נישט פאַרליידן,
ווי אינמיסטן מיך ער גלעט.

נאָר מיט מיר געפּעלט אים תמיד
און ער לאָזט מיך נישט צורו.
מאַמע, ער קיצלט מיך, קאַטעק,
קום זאָרעז און נעם אים צו!

(וואָסי, ער האָט ליב די שוועסטער
און צעקאַטשמעט מיר די האָר.
כ׳בין דאָך שוין אַ כלה־מיידל
און עלטער מיט עלעף יאָר.

כ׳בין אַ מאָל אויף אים נישט ברוגז,
פאַר וואָס ער נעמט מיך אַרום;
ער שלאָפט איין, ווי אַ ניונקעלע,
מעג אין שטוב ווי זיין אַ שום.

אים בעט מען אוים אויף די שטולן,
מיין ברודערל, ס׳איז אים האַרט.
ווען ער קריכט אַריין מיטן טאָגלעך,
איז ער אין גאַנצן פאַרשטאַרט.

נאָר אַז ער הייבט מיך אָן טשעפּען
גראָד דאָרטן ווו כ׳האָב נישט ליב,
וואָלט איך אים אַרויסגעשמיסן
פונקט ווי אַ פאַרפוילטן ריב.

כ׳בין דאָך נישט די מאַמע זיינע,
וואָס זי קעכלט אים אַזוי.
ער פאַרגעסט זיך, דער בחורעץ,
אַז איך בין אַ פּאָלנע פרוי).

— קאַטעק טשעפּעט מיך שוין ווידער
און טוליעט זיך אין מיין שויס — —
מאַמע, כ׳דריי אים אויס די הענטלעך,
אויב דו נעמסט אים נישט אַרויס.

ביים רופא

די מאַמע נעמט מיך צום רופא,
עפּעס דרייט מיר אָן אויער.
טרעפן מיר דאָרט אַ סך מענטשן
און וואַרטן צו אַין טויער.

אויפן גאַס איז פאַרנע, כמאַרנע
און ס'שמעקט מיט אַ גאַס-רעגן.
נאָר ווען דער רופא וועט קומען,
קאָן מען זיך נישט דערפרעגן.

זאָגט די מאַמע: — „קום, איטעלע,
אַהיים. אַ שטיקל וואַטע
אין הייסן בוימל — וועט זיכער
דיר מאַכן גוט לעת-עתה".

פּיוווטורניע — אַ ציגיינערטע,
מיט אַ קינד אויפן פּלייצע.
זי רוקט זיך צו און נעמט יעדערן
גיבן אַ באַבסקע עצה.

באַלד, זי ווענדט זיך צו דער מאַמען
און שטעכט מיך מיט די אויגן:
— „וואָס דער פעלדשער וועט דיר גיבן,
וועט פאַר דיין קינד נישט טויגן".

און גלייך, ווי בסוד, מ'זאָל נישט הערן:
— „אין איר זיצט אַ נישט-גוטער.
נעם, ראַטעווע זי, דאָס מיידל,
און גיך — ביסט דאָך אַ מוטער".

די נאַכט איז אין שטוב געווען
תשעה-באָב. טייכן טרערן
האָט די מאַמעניו פאַרגאָסן
און נישט געקאָנט אויפהערן.

שפּעטער, ווען טאַטע האָט געזען,
זי נעמט זיך ממש ס'לעבן, —
האָט ער געזאָגט: — „גענוג, פּעסיע,
מירן פאָרן צום רבין".

אין די גרויסע היצן

מיטן בראָק ברויט און לעפל יושקע
איך טריקן אָפּ אויף אונדזער שוועל
אַזוי גאַנצע טעג אין דער פּיעקע
און ס׳ווערט פון מיר אַ טיל-תל.

דער טאַטע — שוין אין אַ נאָווינע,
ער האָט נישט קיין חתונקע ווי.
זיצט ער אין אַלטן קאָצקער שטיבל
און לערנט ביז די נאַכט פאַלט צו.

אין שטוב איז שוין גאָרנישטאָ. אַלע
דרייען זיך אַרום שלינג און שלאַנג.
איך ווער פאַרסאָכניעט פון די היצן
און כ׳וועל מסתמא גיין אַ גאַנג.

קאָטעקל איז קראַנק, צו די צרות,
די מאַמע טרעט פון אים נישט אָפּ.
זי כליפּעט אויף איר טעמנע דאָליע
און רייסט זיך די האָר פונעם קאָפּ.

כ׳קאָן ביי נאַכט קיין אויג נישט צומאַכן,
איך הער — די ציגיינערטע רעדט.
צו מאָל — מיר דאַכט זיך אוים אַפילו —
זי שטייט ביים קאָפּנשטיק פון בעט.

דער טאַטע זאָגט, אַז ער וועט פאָרן
מיט מיר צום רבין. נאָר פאַר, אַז
אין שטוב איז איצט נישטאָ קיין פּרוטה
צו קויפן אַ באַנקעלע גאַז.

סך־הכל וואָס קאָן ער מיר העלפן
צום פייער, וואָס שרפעט מיין לייב ?
כאַבאַי צו עפּעס אַ לעמעשקע
מיך פאַרשלייערן פאַר אַ ווייב.

אוי, אפשר וועט זיך דער אייבערשטער
דערבאַרעמען אויף מיינע יאָר !
אַז נישט קומט אוים, ווי די מאַמוניע,
זיך נעמען רייסן ביי די האָר.

בענטשליכט און בהלה

נאָך ליכטבענטשן ווערט אַ בהלה:
—ס׳קומען צריק די פּאָליאַקן!
קרוסע־לאַך שפּאַנט שוין די עגלה
און מ׳הייבט זיך אָן צו פּאַקן.

מ׳וועט לויפן. וווּהין — ביז וואַנען?
מיטן טראַקט קיין אוסטילע.
—ס׳טייטש, זיי שיסן אויס די מאַנען,
דאָס ווייב און קינד אַפילו!

אַ חשכות, אַ ליאַרעם אין געסל,
אַ שטופּעניש מיט פּעקלעך.
אַ משוגענער קאַטשעט אַ פעסל
און קינדער וויינען — שרעקלעך!

מיר הענגט מען אָן עטלעכע שאַלן,
לייבן — אַ פּעלץ, אַ מענטל.
קאַטעק זאָל נישט ווערן פאַרפאַלן —
האַלט אים די מאַמע ביים הענטל.

חוץ דעם — אין אַן אַלטער צעראַטע —
זי טראָגט אַ פאַן, געפּעסן.
די בעבעכעס דזשוויגעט דער טאַטע
און אַ טאָרבע מיט עסן.

מ׳לאָזט איבער די בענטשליכט, די שטיבער
אַט אַזוי ווי זיי שטייען —
און מ׳לויפט. לעבן אונדז — מיט פּעק — ליבער,
אַזש געבויגן אין צווייען.

ער גיט אַ קוק, וויל עפּעס זאָגן
און בלייבט נישט אין דער מהומה.
מיר שלעפּן זיך נאָך קרוסעס וואָגן —
דערשראָקענע און שטומע.

פּלוצים — אַ גוי, ביז אין די לידקעס
מיט בלאָטע און טרייבט ביקעס,
טוט אַ לאַך: „קודאַ, וווּהין, זשידקעס?
דאָרטן — די באָלשעוויקעס!"

ווערט שוין די בהלה נאָך גרעסער
און מ׳שרייט פון אַלע זייטן:
— „אונדזערע שטיבער, ווי, אָן שלעסער,
נאָמיר צוריקגיין באַצייטן!"

— „צוריק צו די שבתדיקע היימען, —
ווערט דאָס געשריי נאָך טריבער:
— ייִדן, געגוג טאָפּטשען די ליימען,
קומטס אהיים, צו די שטיבער!"

מ׳לויפט צוריק

— „יאָ, זאַרעז צריק אין די אייגענע שטיבער,
ייִדן, מיר האָבן אַ גרויסן גאָט — — — —"
און ווידער ווערט דאָס געלויף איבער גריבער,
וואָס האַקן אונטער יעדערנס טראָט.

די שווערע פּעק און זעק מיליען די פּלייצעס,
מ׳וויל שוין גיכער דערקריכן אַהיים.
קרוסע-לאַך וויאָקעט, שעלט און רייסט די לייצעס,
זיין פערד און וואָגן גרעזניעט אין ליים.

אַ שטופעניש פון קינד און קייט. איך אויכעט,
אַז מ׳קען פשוט נישט כאַפּן דעם דעך.
(אוי, פּאַר וואָס עפּעס טראָגט מען עליע שוחט? —
ס׳איז אים, נעבעך, אַרוים דאָס געברעך).

ביים וועג פּאַלן אַוועק צוויי אַלטע ייִדן,
מען זעט — זיי וועלן נישט דערגיין.
און יעדער פּראַגניעט אַ וואָרף-טון דעם מידן
קאָפּ — אַבי אויף אַן אייגענעם שטיין.

דאָרט, אויפן לויצקער טראַקט, נעמט שוין שאַרייִען,
נאָר ווער ווייסט, וויפל ווערסט ס׳איז נאָך דאָ.
העק האַקן אין די שלייפן. די פּיס ברייִען
און די הענט זענען מיר ברוין און בלאָ.

כ׳גליטש מיך אַראָפּ אין אַ גרוב און איך ראַטשקע
זיך אויף אַלע פיר פונקט ווי אַ מויז,
נאָר כ׳פּאַרטשעפּע זיך אין עפּעס אַ טאַטשקע
און כ׳קאָן שוין פונעם גרוב נישט אַרויס.

אַ פּחד באַפֿאַלט מיך און כ׳הייב אָן שרייען:
— „מאַ־מו־ניע! טאַ־טו־ניע! קאָ־טעק! ל־יי־ב!"
און וויפֿל די כּוחות מיינע מיר סטייען —
כ׳גיב מיך מיט פּענד אַ רים און אַ הייב,

אָבער כ׳פֿאַל צוריק אין ליימיקן קבר.
פֿון מויל, דערפֿיל איך, זעצט מיר אַ שוים
און כ׳קאָן נישט אַ ריר־טון מיט קיין אבר — — — —
איך זינק און זינק, ווי אין אַ תּהום.

נישטאָ איטע!

אויף מאָרגן, שבת הייסט עס, נאָכן לויפן,
האָט די מאַמע דערציילט די שכנים:
— „איר שטעלטס אייך פאָר דעם אומגליק? נישטאָ איטע!
כאַטש געלאָפן איז מען אינאיינעם.

מ׳שרייט, מ׳זוכט. און דאָ — אַזאַ טולפּאַ מיט מענטשן,
איטע איז נישטאָ — אויסגערונען!
ערשט אַזוי מיט אַ גוטע צוויי שעה שפּעטער
האָט מען זי יאַקאָס געפונען

אין אַ גרוב, האַלב־טויט און האַלב־לעבעדיק,
מיין איטען — מיט פאַרגלייזטע אויגן;
און פונעם גרוב האָבן זי עטלעכע ייִדן
קוים מיט צרות אַרויסגעצויגן.

דעם גאַנצן וועג איז זי געווען פאַרחלשט
און פראַמע טויט — קאָן איך אייך שווערן.
מיר האָבן דאָס קינד ביז דער שטוב געטראָגן
און באַוויינט מיט ביטערע טרערן.

גאָט זאָל מיר העלפן, ס׳זאָל אויסגיין צום גוטן.
דערווײַלע האַלט זי נאָך פאַרשלאָסן
די אויגן און עפּעס שרייט זי כסדר:
— מיין חתן... גיטס מיר אָפּ מיין חתן — — — —

קינד מיינס, וואָסער חתן, וועלכער חתן? —
פרעג איך איר און גלעט איר דעם שטערן — — — —
הלוואי, גאָטעניו, ס׳זאָל אַדורך בשלום
און זי זאָל מיר געזונט ווערן״.

(אַזוי האָט די מאַמע דערציילט די שכנים,
ווען איך בין געליגן אין בעטל
און געפּלאַקערט פון היץ. און מ׳האָט קיין רופא
נישט געקריגן אין גאַנצן שטעטל.

כ׳האָב געפילט אַ ברענונג אין קאָפּ און עפּעס,
ווי די שטוב זאָל מיט מיר זיך דרייען.
און דערנאָך — דורך מיין לייב לויפן און וואַיען
פּונקט ווי וועלף — שרעקלעכע געשרייען).

פייערדיקע פייגל

בערג. כ׳לויף צווישן ברענענדיקע בערג
און ס׳גליִען מיר די פּיאַטעס.
כ׳זע: פון אַ טאָל הייבן זיך אויף צו מיר
פייערדיקע פייגל־טשאַטעס.

אַ נאַקעטע לויף איך. און די פייגל
לאָזן זיך צו מיינע בריסטן.
מאַמוניע, זיי וועלן מיר שלעכטס־טון,
אַ פּיק־טון, אַ ביס־טון!

איך פאַל צו מיטן בויך צו אַ באַרג.
אין די פיס, פיל איך, לעכער.
און די פייגל דרייען זיך איבער מיר
אין אַ פייערדיקן פעכער.

אנגסטן באַשלאָגן מיך. אַ רויך זעצט
אַרויס פון די באַרג־שפּאַלטן.
כ׳דראַפּע מיך אויף די שטיינער און זוך
ווו ערגעץ זיך צו באַהאַלטן.

כ׳בין מיד. און כ׳האָב מורא. די הויט
ברענט אויף מיר אומגעהייער — — —
אוי, פונעם הימל פאַלט אַראָפּ אַ שטיין,
שטיינער — שטיקער פייער.

ס׳דונערט. און בליצן צעשניידן זיך
אַ סך אין מיינע אויגן.
אוי, די פייערדיקע פייגל זענען שוין
אויף מיין קאָפּ אָנגעפלויגן.

מאַמוניע, ווי קענסטו גאָרנישט טון,
שטיין פון ווייטנס און קוקן?
זע, זיי עסן מיך אויף! קום, העלף מיר,
זיי טוען מיך פאַרצוקן! — — —
— — — — — — — — — —

אַז כ'האָב געעפנט די אויגן, בין איך
אין אַ טייך שוויים געליגן.
די מאַמע איז געזעסן אויף מיין בעט,
געכליפּעט און געשוויגן.

די מאַמע
לאָזט אַ טרער

מיר פאָרן צום רבין

אַ ווינטער־טאָג האָט איציע־קרוסע געשפּאַנט
זיינע צוויי שקאַפּעס אין אַ שליטן.
רעכטס דער טאַטע, לינקס — קרוסעס הערשל
און מיך האָט׳ן געזעצט אין מיטן.

(אַז מיר פאָרן יאָ קיין אַליק, צום רבין,
האָט קרוסע געפּועלט ביים טאַטן,
ער זאָל שוין איין וועגס אויכעט מיטנעמען
זיין בנאָק, דעם תּם און היקעוואַטן).

כ׳זיץ וואַרעם אַנגעפּעלצט אין אַ בורקע,
די פּיס — איינגעדעקט מיט זעקלעך.
אויפן גאַנצן וועג דרייט אַ שניי, אַ וויוגע.
די פערד פאָרסקען. ס׳קלינגען די גלעקלעך.

דער שליטן איז וויים. און וויים געוואָרן
זענען אויך די בידנע שקאַפּעס,
וואָס קאָפּען דעם שניי הינטער ווייטע כאַטקעס
מיט לאַנגע געפּרוירענע צאַפּעס.

הערשל זיצט ווי אַ באָק אין קלויסטער
און יענדזשעט — די אויערן אים ציפּן.
קרוסע רוקט אים טיפער אַראָפּ די קוטשמע
און וויאָקעט, סמאָקעט מיט די ליפּן.

„צוויי אַלטע פּגירהס, שלעפּן זיך מעדלענע״, —
זאָגט מיר שטילערהייט דער טאַטע
און ווייזט מיר אָן אויף עפּעס אַ בעריאָזע,
אויף אַ צעשראָקענער פייגל־טשאַטע.

„נאָך ווייט קיין אָליק“, — זאָגט ער ווידער
און טרעסלט דעם שניי פון אַ פּאָלע.
נאָר מיר קריכט נישט אין קאָפּ אַריין אָליק
און נישט קרוסע דער באַלעגאָלע.

וואָס קען ער מיר העלפן, דער אָליקער רבי,
כּאַבאַי, אפשר מיינט ער קרוסעס זאַהיקע? —
אַדרבא, זאָל ער עס מיר נאָר פּרווון זאָגן,
כ'וועל אים ביידע אויגן אויספּיקן.

נאָר גאָרנישט, מ'קען נישט גיין קעגן אַ טאַטן,
פּאָר איך. אָבער וואָס איז דאָס פּאָרן?
אַז נעכאַי וואָלט איך געוועזן זיך פריִער
וואַרפן אַ לעבעדיקע פון גאָרן.

הערשל פּאָפּט. דער טאַטע קוקט פאַרדומעט
און קרוסע, ביי די לייצן, מאַכט יעלות.
דער שליטן סקריפּעט. די ביימלעך דרייען זיך
אין טיפן שניי, ווי ווייסע כלות.

הערשל ווערט געפרוירן

די בידנע שקאָפּעס בלייבן שטיין, שלעפּן זיך ווייטער
און ווי זומער שלאָגט פון זיי אַ פּאַרע.
מ׳קען נישט וויסן, צי ס׳איז נאָך טאָג, צי פּאַר נאַכט —
אַז אַלץ האָט איין פאַרשנייטע מראה.

דער טאַטע טאָרקעט מיר ס׳פאַרבונדן פּאַטשיילעכל
מיטן שטיקל בייליק, אַ רעפּטל חלה
און טרייסט מיך: „שוין נישט ווייט. אָט איז פון ווייטנס
די שוואַרץ-טומאה פון דערפל זאַפּאַלע.

מיר גייט נישט ס׳עסן. דאָס הארץ איז מיר פאַרקלעמט
און שניידט פונקט ווי מיט אַ מעסער.
כ׳קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. ווי אויף די ליפּן
וואָלטן מיר הענגען טויזנט שלעסער.

כ׳נעם ביים טאַטן דאָס פּאַטשיילעכל מיטן עסן,
אַליין אָסטראָזשנע עס צעוויקל
און דערלאַנג עס הערשלען. אויב ר׳איז הונגעריק,
זאָל ער נעמען פון וואָס ער וויל אַ שטיקל.

אָבער קרוסעס סינאָק — ווי אַ גולם, אַ למך,
אין דער קוטשמע איבער די אויערן, —
ער זיצט און גיט זיך אפילו נישט קיין שאָקל.
אוי, דאַכט זיך, ער איז געפרוירן!

איציע-קרוסע טוט ראַפּטעם אַ שטעל אָפּ דעם שליטן
און נעמט זיין זון טרעסען, שרייען:
„דו, יורשל, קדיש מיינער, רעד אַ וואָרט, הערשקע:
אַז מ׳גיט, נעמט מען! ווילסט נישט קייען?” —

ווײ, מ׳גיט אים אַ טאַפּ, ר׳איז קאַלט, ווי אײז, הערשל,
פאַרשטאַרט ווי אַ געפרוירענער פויגל.
אַז קרוסע הייבט אים אָן צו שטאַרכען, צו קידען,
אים אויפרייסן די פאַרגלייזטע אויגן.

„מוציקל, צוציקל מיינס", — און ווי צו די שקאַפּעס
ער סמאַקעט צו אים מיט די ליפּן;
ער גיט אַ כאַפּ אַ קוליע שניי און נעמט אים רייבן
הענט און פּיס, די ברוסט, די ריפּן.

„נו, אַ מאַנצפאַרשוין", — וואַרטשעט ער אונטער, קרוסע,
אַזוי צעקראַכן, אַזוי פלאַכע — — — —"
אַז הערשל צעווײנט זיך, טוט ער אַ כוואַשטש ס׳פּיזשעלע:
„יאַזדאַ, אָן אומזיסטע סומאַטאַכע!"

דאַנקען גאָט, הערשל איז שוין צוריק לעבעדיק
און דער שליטן גייט יאַקאַס ווידער.
דער טאַטע שווייגט און ווישט זיך אָפּ אַ וואַנציע.
נאָר מיר וויינט דאָס הארץ, אַלע גלידער.

אין אַליק

אין אַ פּראָסטיקן אָוונט האָט זיך אונדזער שליטן
קוים מיט צרות דערשלעפּט קיין אַליק.
דער טאַטע איז מיט מיר אַריין אין אַ קרעטשמע
און ביים אויסטון די בורקע, דעם באַשליק, —

האָט ער געזאָגט: „דאָ וועלן מיר איבערנעכטיקן.
אויף מאָרגן, מירצעשעם, זייגער אַכט,
וועלן מיר זיין ביים רבין. ווילסט, כאַפּ עפּעס איבער,
לייען קרישמע און מירן מאַכן נאַכט".

אין דער קרעטשמע איז געווען אַזוי אָנגעפּאַליעט,
אַז כ'בין שיִער נישט צעגאַן פון היץ.
עפּעס האָט מיר שטאַרק געשרפעט אויפן הארצן
ס'שיסעלע יושקע פון האָבערגריץ,

וואָס די קרעטשמערקע האָט מיר דאָ געגיבן
און מיט קיין אויג נישט צוגעטון.
היינט די געדאַנקען: צו וואָס די יאַזדע צום רבין
און וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? —

אין אַלקער האָט געברענט אַ קאַניץ. סטראַשנע שאָטנס
זענען געקראָכן אויף די ווענט.
הינט האָבן געבילט. ס'איז מיר געווען זייער סמוטנע
און איינשלאָפן נישט געקענט.

כ'האָב מיך כסדר אַלץ געדרייט אויפן געלעגער,
געהערט דעם טאַטנס שווערן כראָפּ;
ווי ער ליגט מיטן איבערבעט אויפן פנים
און ס'זידט אים אין האַרץ, ווי אַ טאָפּ.

צו מאָרגנס איז געווען אַ וואָזשנער יריד אין שטעטל.
אַזוי פֿיל מעשטשאַנעס, שליטנס און פֿערד
דאַפּטשען דעם פֿאַרשנייטן מאַרק און ווי לישייעס
שטעקן אַפֿיר די שטיקלעך ערד.

עפּעס אַלע הייזקעס אַרום, וואָס זינקען אין ווייסקייט,
האָבן אויסגעזען ווי פֿון פּאַפּיר.
און אַזוי פֿיל וואָרענעס שפּרינגען דאָ און קראַקען
הינטער יעדער געפֿרווירענער טיר.

ווען דער טאַטע איז אַריינגעקומען פֿון מנין
אַזייגער האַלב אַכט אין דער פֿרי, —
האָבן מיר איבערגעביסן און ר׳האָט געזאָגט: „אמונה,
איטעלע, ס׳וועט כדאַי זיין די מי״.

ר׳האָט מיר געטון אַ קוש אין קאָפּ, גערעדט ליבלעך
און שטיל, כמעט ווי מיט געבעט:
„קינד מיינס, האָב נישט מורא, אַלץ וועט זיין צום גוטן.
קום, מיר׳ן גיין צום רבין, שפּעט״!

אויפן וועג

אַ קרירה אין דרויסן, אַז ס׳פאַרשלאָגט דער אָטעם.
אונטער די פּיס קוויטשעט דער שניי.
מיר כאַפּן זיך דורך עטלעכע שמאָלע איליצעס —
אָן אַ לעבעדיק נפש אין זיי.

די שאַרפע קעלט שטעכט אַקוראַט ווי מיט שפּילקעס
און די זון איז אויכעט נישטאָ.
צי ס׳איז מיר טאַקע שטאַרק קאַלט, פרעגט דער טאַטע,
און רייבט מיר די הענט — ברוין און בלאָ.

לויטן טאַטן, וווינט דער רבי אין אַ נייער דירה,
דערפאַר טרעפט ער נישט דעם וועג.
ער בלאָנדזשעט, זע איך, און זוכט מיט אַלע אויגן
ביי וועמען צו גיבן אַ פרעג.

מיט אייז אויפן בערדל פאַרט אָן אַ וואַסערפירער
אויפן הויכן געפרוירענעם פאַס
און דער טאַטע פרעגט אים: „ווי גייט מען צום רבין
רעב אהרעלען, מיט וועלכער גאַס?"

דער ייִד הערט נישט. ער טרייבט ווייטער די קאַבילע
און די רעדער גליטשן זיך צוריק.
אַז דער טאַטע פרעגט אים ווידער, רוקט ער אַ ביסל
אַרויף דעם פאַרשנייטן באַשליק

און שרייט: „דער פלומפּ איז קאַליע און פאַרקאַוועט,
נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער אין שטאָט — — — —"
„טויב, נעבעך", — זאָגט פאַר זיך דער טאַטע און ווידער
גייען מיר אין פראָסט, וואָס בריט און בראָט.

ערשט ביי אַ סעדעכע, מיט געטריקנטע עפּעלעך,
און די הענט אויף אַ פּייערטאָפּ,
גיט דער טאַטע נאָך אַ מאָל אַ פרעג אויפן רבין
און אַז זי לאָזט אים שוין נישט אָפּ:

„יאָ, דאָרטן, לעם דער מיל-גאַס, דער רבי זאָל לעבן,
ווינט ער, רעב אַהרעלע, אַצינד:
נו, נעמט עפּעס גוטס אויף שבת! ס'איז טאַקע אייערס
די קראַסאַוויצע — ס'גאָלדן קינד?" —

דעם גאַנצן וועג איז מען דערקראָכן נאָר מיט ניסים.
דאָ אַ גליטש און דאָרט — זיך אַ דריי;
עטלעכע מאָל האָט'ן אויך געמוזט איבערשפּאַנען
דורך אָנגעשיטע קופּעס שניי.

ווען מיר זענען שוין געשטאַנען פאַרן רבינס דירה
מיטן גאַניק געפאַרבט אויף בלאָ, —
פאָרט דורך אַן איזוואָשטשיק. דער טאַטע האָט אַ וואָרטשע
געטון: „אַז מ'דאַרף נישט — איז ער דאָ!"

ביים רבין

אַז מיר האָבן זיך אָפּגעטרעסעט דעם שניי
און אין רבינס שטוב אַריינגעקומען,
האָט אונדז דאָרט — נאָכן פּראָסט און זאַווײ —
אַ ליבע וואַרעם אַרומגענומען.

דער טאַטע האָט מיר אויסגעטון דעם באַשליק
און מיר אָנגעוויזן ווו צו זיצן.
אַליין איז ער אומגעגאַן הין און צוריק
און פון דער באָרד געקייעט די שפּיצן.

דאָרט איז שוין געזעסן עפּעס נאָך אַ ייִד
אין וואַלענקעס, מיט שטריקלעך פאַרצויגן;
און פון גאַנצן פּנים זיינס, ווי אָפּגעבריט,
האָבן געשרפּעט צוויי רויטע אויגן.

תחילת האָב איך מיך פאַרן ייִדן גאַנץ גוט
דערשראָקן — איך זיץ נאָך דערלעבן!
און כ'האָב די גאַנצע צייט געטראַכט, וואָס ער טוט,
דער ייִד, מיט אַזאַ הולך, ביים רבין.

ראַפּטעם האָט אַ קרעכץ-געטון די שטובן-טיר,
וואָס איז אויף איין קריקע געהאַנגען
און קרוסע איז אַרוים מיטן זון. ר'האָט אויף מיר
געטון אַ סקאָסנע קוק, צוגעגאַנגען

צום טאַטן און געזאָגט: „נו, רעב דוד-צבי,
איך בין שוין פאַרטיק! ווען דאַרף מען שפּאַנען?
אפשר טאַקע נאָך היינט, האַ? מאָרגן אין דער פרי?" —
נאָר דער טאַטע האָט געשוויגן. ר'איז געשטאַנען

שטיל און פאַרדומעט. אַ צי־געטון די באָרד,
איז קרוסע מיטן זון נישט געבליבן.
דער קראַנקער ייִד האָט זיך געהויבן פון אָרט
און כסדר די הענט זיך געריבן.

נאָך אַ ווײַלע האָט ווידער געטון אַ קריץ
די טיר. דער שמש — אין אַ זײַדן היטל,
האָט אַ זאָג־געטון צום ייִדן: „סראָל, דו זיץ!"
און אונדז — אויסגערופן פון אַ קוויטל.

דער טאַטע האָט מיך גענומען בײַ דער האַנט
און תיכף אַרײַן מיט מיר צום רבין.
ווען דער הויכער שמש האָט אַרויסגעשפּאַנט,
האָט דער רבי דעם טאַטן געגעבן

שלום־עליכם און מיר — אַ טיפן קניפּ
אין באַק, מיט אַ רבנישן שמייכל,
און געזאָגט: כ'האָף, טאַכטער, אַז חוץ וואָס ביסט ליב
און שיין, ביסטו אויך אַ בעלת־שכל".

דער רבי הייסט חתונה־האָבן

נאָכן פרעגן אויפן געזונט, פּרנסה, איז דער רבי
מיטן טאַטן אַריין אין אַן אַנדער חדר.
כ׳בין געבליבן אַליין. ביז כ׳האָב באַקוקט די גרויסע
שאַפעס ספרים אין גאָלד־געלייּשטן לעדער,

זענען זיי שוין צוריק געהאַט אַריינגעקומען
אין ביידע — מיט שטאַרק־ערנסטע מינעס.
דער רבי האָט אָנגעצונדן זיין ליולקע־ציבעק
און מיט אַ קוויטשיק קול, ווי פון אַ תחינה,

האָט ער געשאָקלט די שפּיץ באָרד, געציילט די ווערטער:
„איטע בת דוד־צבי און פעסי־גיטל,
ביסט שוין אַ בוגרת. דאַרפסט תיכּף חתונה־האָבן.
דאָס איז מיין תשובה אויפן טאַטנס קוויטל.

כ׳האָב גרויס אמונה, השם יתברך וועט העלפן
און דיר צושיקן גיך דעם רעכטן זיווג״.
דערביי האָט זיך דער רבי פאַרהוסט, אַוועקגעלייגט
אויפן ברעג טיש דעם לאַנגן ליולקע־ציבעק

און מיט אַ הייזעריק קול אַ זאָג־געטון: „דוד,
נעם ס׳קינד און פאָר דיר אַהיים לחיים
ולשלום. דער רבונו של עולם וועט צוקוקן
דיין צער און באַצאָלן כפל כפליים״.

ווען דער טאַטע האָט צוגעשעפּטשעט: „הלוואי, אָמן״,
האָט דער רבי מיט אַ האַנט אויף אַ קריזשע
זיך אויפגעשטעלט מיט אַ קרעכצל. געטון אַ שערווע
די גראָלעכע באָרד, די אַקסל אַ ניזשע

און דערלאַנגט דעם טאַטן די האַנט: „נאָר בטחון",
האָט ער פאַרקנייטשט אַן אויג און מיר געגעבן
אַ פּעטשל אין באַק. דער טאַטע האָט געקושט די מזוזה
און שטיל זענען מיר אַרויס פונעם רבין.

אויפן גאַניק האָט ווידער אַ ביטערע קרירה
אונדז אַרומגעכאַפּט — פראָסט און זאַווערוכע.
דער טאַטע האָט אויפגעשטעלט דעם פוטערנעם קאָלנער
און מיט אַלע אויגן גענומען זוכן,

אפשר וועט גראָד פון וואַנען אָנפאָרן אַ שליטן.
אָבער ווער פאָרט אין אַזאַ שרעקלעך וועטער!
כ'בין געשטאַנען און געציטערט, ווי די ברעזע
אַקעגן רבינס פענצטער — אָן בלעטער.

„קום, איטע, מירן זיך צוכאַפּן אין דער קרעטשמע,
ביסט דאָך הונגעריק!" — האָט געזאָגט דער טאַטע.
מיר זענען אַרויס אין גאַס. דער וועג האָט געטרעשטשעט
אַקוראַטנע, ווי מ'זאָל גיין אויף צעראַטע.

אין קרעטשמע

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער טאַטע איז געגאַן
אויפזוכן קרוסען. דער פראָסט האָט געברענט
און כ׳בין געבליבן אַליין אין דער קאַלטער קרעטשמע
צווישן די פיר פינצטערע סמוטנע ווענט.

ס׳איז דאָנערשטיק און דער טאַטע וויל אַהיימפאָרן
טאַקע נאָך, בלי נדר, מאָרגן פאַר טאָג.
מיר איז אַלץ ניחא. סיי ווי איז די גאַנצע יאַזדע
געווען ווי אַן אָפּקומעניש, אַ פּלאָג.

„דאַרפסט שוין חתונה־האָבן", האָט געזאָגט דער רבי
און מיר נאָך געטון אַ פּעטשל אין באַק.
נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן! ס׳וואָלט געפּאַסט ער זאָל רעדן
צו עפּעס אַ מויד מיט יאָרן אַ פּאַק.

„דער אייבערשטער וועט דיר צושיקן דעם רעכטן זיווג",
סיידן ער מיינט עם איציע־קרוסעס זון.
נו, זאָל מען דאָס מיר בלויז אַפילו פּרוּוון זאָגן,
איך וועל מיר דעמאָלט אַ מעשה אָנטון.

אײַ, וואָס פאַרשטייט ער און וואָס ווייסט ער, דער רבי,
פון אַ יונג און שיין מיידל, אַ פאַרשפּאַרטס
טאָג און נאַכט הינטערן ריגל ביי טאַטע־מאַמע,
ווען די ליבע שרפעט איר אוים דאָס האַרץ.

איך בין, דערציילט ער מיר אַ סוד, שוין אַ בוגרת,
ס׳הייסט, כ׳בין שוין פאַרטיק צו ווערן אַ ווייב.
אָנעם רבין, קלאָמפּערשט, ווייס איך עס נישט, חלילה,
ווען איך פיל, ווי תמיד פלאַקערט מיר ס׳לייב.

אַז ער האָט מיך גאָרנישט געפרעגט, האָב איך געשוויגן.
איך וואָלט אים געזאָגט: רבי, איך ברען!
אַז שוין זעקס יאָר אַזוי איז דאָ אין מיר אַ פייער,
אַדרבא, פאַרלעשט עס, לאָמיך זען!

כ׳בין שטאַרק מיד און כ׳וואָלט שוין בעסער געגאַן שלאָפן,
איידער וואַרטן אויפן קאָפ האָבערגריץ.
ס׳איז מיר קאַלט, ס׳דראַזשטשעט מיך און ס׳ציט יעדער אבר.
ס׳קען נאָך זיין, אַז כ׳האָב אויך אַ ביסל היץ.

אָבער כ׳וועל שוין יאָקאָס צוּוואַרטן ביז דער טאַטע
וועט אַריינקומען, כאָטש ס׳איז געגנוג שפּעט;
ער קען זיך נאָך דערשרעקן, אַז ער וועט מיך טרעפן
אומגעגעסן ליגן אויסגעטון אין בעט.

דער טאַטע וויל דאָך מאָרגן גאַנץ פרי אַהיימפאָרן,
מ׳זאָל, חלילה, נישט בלייבן אין דער קעלט
שטעקן ערגעץ אויפן וועג און ערב שבת, —
נאָך דאָס וואָלט צו דער יאַזדע אונדז געפעלט.

דער טאַטע, נעבעך

האַלבע נאַכט, אַ געפרווירענער, נעבעך, איז דער טאַטע
אַריינגעפאַלן אין דער קרעטשמע — ווייס,
ווי ער זאָל אַרויסקומען פון אַ מיל, די וואָנציעס
און די גאַנצע באָרד — מיט צעפּלעך אייז.

ער האָט אָפּגעטרעסעט פון שניי ס׳צעריסן פוטער
און באַלד דערנאָך עס אָנגעטון צוריק.
אַ שווייגנדיקער איז ער אומגעגאַן צעטראָגן
אַהין־אַהער מיט אַ ברוגזן בליק.

ווען ר׳האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער גענומען
רעדן געלאַסן און מיט צער אין קול:
„קרוסע. איידער כ׳האָב אים אָפּגעזוכט. די לעבער
האָט ער ביי מיר גענומען, דער כאַכאָל,

ביז כ׳האָב געפּועלט ביי אים צו פאָרן. סטייטש, איינקויפן
דאַרף ער מאָרגן אין דער פרי אויפן מאַרק
נייע פּאַסטראָנקעס. וואָס האָט איר זיך אָנגעוויאַזשעט,
האָט ער צו מיר געשריגן — אויף מיין קאַרק!

כ׳האָב אים אָפּגעשוויגן. האָב איך אַן אַנדער ברירה,
אַז כ׳ליג אין זיינע באַלעגאַלסקע הענט? —
ערשט געמוזט דערלייגן, דעם פאַרכוץ, נאָך דריי זלאָטעס.
איין גאָט ווייסט, אַז כ׳האָב עס נישט געקענט.

ער וועט שפּאַנען, זאָגט ער, טאַקע כעלות, מירצעשעם.
ר׳זאָל נאָר נישט חרטה האָבן, דער הונט — — — —
איטעניו, זע נאָר ווי בלייך דו ביסט! האָסט גענומען
פון קיישל דאָס געטריקנטע שטיקל הון?

האָסט נאָך גאָרנישט געגעסן, האַ? און די קרעטשמערקע
האָט דיר אויך גאָרנישט דערלאַנגט ביז אַצינד? —
האָט דער טאַטע פלוצים אָפּגעלאָזט איציע־קרוסען, —
וואָס פּראַוועסטו מיר תעניתים, מיין קינד?"

און ווען איך, מיט דער אָנגעזאָליעטער נשמה,
האָב שׂיִער נישט אויסגעבראָכן אַ געוויין,
האָט ער מיך געטרייסט: „נו, שאַ. מיר פאָרן דאָך מאָרגן!"
און פון קעלט האָבן אים געקנאַקט די ציין.

דער טאַטע, מיטביידע הענט, ווי רויטע בעריקעס,
איז געבליבן זיצן שטיל, ווי פאַרשטאַרט.
כ'האָב זיך גוט צוגעקוקט צו זיינע באַקן, וואָס האָבן
איצטער אויסגעזען נאָך מער איינגעקוואַרט.

דערנאָך האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ס'פוטער,
זיך אויסגעטון, און אַלץ נאָך פאַרטראַכט,
האָט ער געזאָגט פון אונטערן איבערבעט: „איטע,
לייג דיך און שלאָף געזונט. אַ גוטע נאַכט!"

אַהיימצוּוועגס

דער וועג אויף אַהיים איז געווען נישט צו באַשרייבן.
ווי, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן!
פריִער איז אַוועקגעפאַלן אַ פערד. פּיוווטורניע
רייסט זיך איבער אַן אָרטשיק פון שליטן.

נאָר שדים, נישט דאָ געדאַכט, האָבן זיך געבאָרעט
מיט די פערד און זיי נישט געלאָזט פאָרן.
ס'האָט אַזוי געשנייט און געדרייט, אַז ממש ניסים
וואָס מען איז נישט געפרוירן געוואָרן.

קרוסע האָט געשאָלטן מיט אַלע וויסטע קללות
און נישט איין מאָל עס געמיינט דעם טאַטן.
אָבער דער טאַטע האָט יעדעס מאָל אויסגעשפּיגן,
ווי אַ סגולה, ס'זאָל אים נישט שאַטן.

אויפן גאַנצן טראַקט — מ'זאָל זען אַ לעבעדיק נפש,
עמיצער זאָל עס דורכפאָרן, רייטן —
גאָרנישט! נישט קיין כאַטע און נישט קיין בוים אַפילו,
נאָר ווייס, ווייס און שטיל פון אַלע זייטן.

אַ פּחד האָט אַזשע אָנגעכאַפּט די טויטע ווייסקייט,
וואָס האָט סכנות געבלענדט די אויגן.
קאָטעק וואָלט אויף דעם געזאָגט, אַז דאָס האָט דער ווינטער
די וועלט אין תּכריכים אָנגעצויגן.

(כ'בענק שוין טאַקע נאָך אים. ער האָט עס געדאַנקען,
מיין ברודערל, עפּעס נאָר צו שטוינען!
איין מאָל זאָגט ער מיר: „איטע, כ'זע דיך מיטן חתן
און איר שיינט, ווי ספר תּורה־קרוינען".

דעם חתן האָט ער געמיינט דעם סופרס זון, ליבער,
וואָס ליגט מיר דאָ־אָ טיף איינגעבאַקן.
נו, כ׳האָב אים דענצמאָל נישט אָפּגעלאָזט, קאַטעקן,
ביז כ׳האָב אים גוט אויסגעקניפּט די באַקן).

ביז מ׳האָט דערלעבט צו זען די גאַרבאַרניע, זענען
די אויגן פון קאָפּ אַרויסגעקראָכן.
ביידע פיס זענען מיר געווען אמתע שטיקער
אייז און ס׳האָט מיך אומעטום געשטאָכן.

אַקוראַט ווי אַ מענטש פון שניי, איז ער געזעסן
אין שליטן — הערשל, קרוסעס בנאָקל.
ער איז, דאַכט זיך, שוין ווידער געפרוירן געוואָרן,
זיצט שטייף און זאָל זיך עס גיבן אַ שאָקל.

נאָר ביז מ׳האָט זיך רעכט אומגעקוקט אויפן שלימזל,
איז מען אַריינגעפאָרן דורך גנוינע
אין מאַרק אַריין, ווו מ׳האָט שוין געזען ס׳גאַנצע שטעטל
מיט דער באָד און מיט דער אַלטער בוינע.

די מאַמע לאָזט אַ טרער

כמעט אַ שעה פּאַר ליכטבענטשן, ווען דער שליטן
האָט זיך אָפּגעשטעלט לעם אונדזער טיר,
האָט מיך די מאַמע געכאַפּט אין אירע אָרעמס
און מיט אַן אימפּעט אַריין מיט מיר

אין פּאָדערהייזל, מיט עפּעס אַזאַ מינע,
אַקוראַט ווי מ׳גנבעט צו אַ זאַך.
זי האָט מיך שוין דערנאָך אויך אַריינגעטראָגן
אין שטוב, כאָטש פון תמיד איז זי שוואַך.

נאָכן אַראָפּציִען דעם באַשליק, די בורקע,
האָט זי מיר געריבן די פּיס, די הענט
און מיר צוגערוקט די אַלטע טאַבורעטקע
קעגן דער הרובע, וואָס האָט געברענט.

„ווו איז דער טאַטע", — האָט זי פּלוצים פאַרחידושט
געפרעגט, — „ער איז געבליבן אין שטאָט?"
„יאָ", — האָב איך געענטפערט, — „ער האָט זיך פון שליטן
איין וועגס שוין אַריינגעכאַפּט אין באָד".

זי איז אַלע מאָל צוגעלאָפן צום פענדל
אויף דער קיך, אַריינגעקוקט, געמישט
און כ׳האָב גוט געזען, ווי מיטן שפּיץ פאַרטעך
האָט זי שטיל אַ טרער זיך אויסגעווישט.

„שפּעט, מ׳דאַרף בענטשן ליכט!" — האָט זי געקוקט צום זייגער
און צעוואָרפן ס׳פייער אויף דער קיך.
„אין שטוב איז נאָך, דאַנקען גאָט, יענער פאַראַנדעק,
זע, איך שטיי נאָך אין די אַלטע שיך".

זי האָט זיך ווידער צוגעשאַרט צו דער הרובע,
זיך צוגעבויגן און מיט אַזאַ
האַרציק־מאַמעדיק קול מיך גענומען פרעגן:
„וואָס זשע האָט דער רבי געזאָגט, האַ?"

און אַז כ'האָב געשוויגן, האָט זי ווי באַפוילן:
„שבת! פאַרמאַך ס'טירל, מיטן שפּאָן!"
אָבער באַלד ווייכער: „וועסט מיר שוין זאָגן שפּעטער.
איצט נעם פאַרקעם דיך און טו זיך אָן".

די מאַמע האָט געבענטשט ליכט. דער שניי האָט טשודנע
בלאָוולעך אַריינגעבליאַסקעט פון גאַס.
נאָכן אַראָפּנעמען די הענט פונעם פּנים,
זענען איר די אויגן געווען נאַס.

זי האָט זיך דערנאָך צוגעזעצט אויף דער סאָפקע,
מיך ליב אַרומגענומען און שווער
אָפּגעזיפצט. מיר געגלעט די ווייכע לאָקן
און ווידער האָט זי געלאָזט אַ טרער.

ליבער גייט אַוועק

אַ פּרייטיק צו נאַכטס

פרייטיק־צו־נאַכטס ביים טיש, ווען די ליכט, פאַרן בענטשן,
האָבן זיך גענומען שמעלצן און טיקן, —
האָט דער טאַטע געזאָגט, מ׳רעדט אין שטיבל, אַז פּוילן
שלאָגט זיך שוין ווידער מיט די באָלשעוויקן.

מ׳שמועסט אַפילו, זיי שטייען שוין הינטער ראָוונע
און מיטן בוג ווילן זיי גיין אויף קירה.
ס׳קען זיין, מ׳וועט אויך נעמען צום וואָיסק. דאָס זאָל מען האָבן
געהערט פונעם קאַזיאָני רב שאַפּירע.

„יאָ, זיי רייסן זיך אַזשע קיין וואַרשע, די באָרוועסע״, —
האָט לייבל געזאָגט, וואָס לייענט שוין גאַזעטן;
„הלוואי קריכן זיי אַהין. מאָלעט וועט מען מאַכן
פון זיי ביים ווייסל, דאָרט וועט מען זיי פּלעטן״.

דער טאַטע איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַנטשוויגן
און געקוקט פאַרטראַכט אויף די ליכט, וואָס טשאַדען.
דערנאָך האָט ער געמורמלט: „דער רבי איז כשר
גערעכט. די וועלט איז שלעכט, מ׳דאַרף זי פּאַלאַדען״.

ס׳איז געוואָרן שטיל. די מאַמע, וואָס איז געזעסן
מיט פאַרלייגטע הענט און געקוקט צום טאַטן, —
האָט געפרעגט: „אַזוי שטאַרק זענען זיי, די באָרוועסע,
און ווו נעמען זיי קוילן, האַרמאַטן?״

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. „ביי ניקאָלאַיקען, —
האָט לייבל געזאָגט, — די ביקסן, די שטיקעס —
אַלץ דעם צאַרס ירושה! מ׳זאָגט פראַוודע, זיי שלאָגן
זיך אַפילו מיט די טשערקאַסקע פּיקעס״.

„מ'וועט נעמען צום וואָיסק". און ליבערן וועט מען אויך רופן?
איז מיר שוִיער־שוִיער נישט אַראָפּ פון די ליפּן.
אָבער כ'האָב נישט געפרעגט. ס'האָט מיך געטון אַ דראָזשטשע,
אַז ס'האָבן מיר אַ קנאַק־געטון די ריפּן.

„איטע, ס'איז דיר קאַלט? — האָט די מאַמע זיך אויסגעדרייט
צו מיר מיטן בענקל, זיך צוגעבויגן
און געזאָגט: נו, גיי אין בעט אַריין. ביסט שלעפעריק,
מיין קינד, איך דערקען עס אין דיינע אויגן".

די לייכטער האָבן געקאָפּטשעט מיט בלאָווע רויכלעך.
אויף די ווענט האָבן געטאַנצט מאָדנע זאַכן.
דער טאַטע איז אַפּיר פון טיש און דערמאָנט לייבלען
די לאָדנס נישט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן.

די מאַמע האָט גענומען קאָטעקן לייגן שלאָפן.
באַלד דערנאָך איז לייבל אַוועקגעגאַנגען.
כ'האָב געטון אַ קוק אויפן שניי, אַריין אין אַלקער
און ביים הארץ האָט מיר געקלעמט, ווי מיט צוואַנגען.

אין חלום

כ׳בין געליגן אין בעטל מיט אָפענע אויגן
און ס׳האָט מיך קיין מינוט שלאָף נישט גענומען.
כ׳האָב געהערט, ווי דער לאָדן קרעכצט, דער טאַטע כראָפּעט.
און אַפילו ווען לייבל איז געקומען.

זעט אויס, פאַרטאָג־צו האָב איך יאָ געכאַפּט אַ דרימל
נאָך דער גאַנצער נאַכט פון טראַכטן און קלערן,
ווייל פּלוצים האָב איך דערזען שטיין פאַר זיך ליבערן
און ווי ער דערציילט מיר, כמעט מיט טרערן,

אַז דאָנערשטיק האָט ער געקריגן אַ פּאָוויעסטקע,
ווו מ׳רופט אים צום וואָיסק, אין דער פּיעכאָטע;
אַז זיין יאַדעשליוועך טאַטע זאָגט כסדר תהילים
און ווי די מאַמע גייט אויס פון גריזאָטע.

איז ער איצט זיך געקומען מיט מיר געזעגענען,
ווארעם שוין מאָרגן גייט אָפּ די טאָווארנע
באַן, ווו מ׳שיקט אים אוועק, מיט נאָך עטלעכע יינגלעך,
און טאַקע גלייך צום פראָנט, ערגעץ לעם סאַרנע.

דאָס דערהערט, איז מיר שיִער ס׳האַרץ נישט אַרויסגעפאַלן
און ס׳בלוט האָט מיר אַזשע גענומען פרירן.
כ׳האָב אים זארעז דערזען, ליבערן, אין רישטונעק,
מיט גאַליפּיי־הויזן און וויקלשנירן,

ווי ער מאַרשירט צווישן ברענענדיקע דערפער
און סנאַראַדן פליִען פון די האַרמאַטן;
ווי ער איז, נעבעך, דערשראָקן, מיין בלייכער חתן,
אַ קינד — וואָס שרייבט ספר־תורהס ביים טאַטן.

אוי, ווי ער ליגט שוין מיט דער ביקס אין די אָקאָפּעס
און שיסט און דער שונא וויל אים דערשיסן — — —
„ליבער, גיי נישט אַוועק צום וואָיסק", — האָב איך געשריגן
און פון שלעכטן חלום זיך אויפגעריסן.

פּאַסן טאָגליכט האָבן זיך געוויגט דורך די לאָדנס
און כ'בין אין אַ טייך קאַלטן שווייס געליגן.
די מאַמע איז געשטאַנען אויף דער טיר פון אַלקער
און מיך געפרעגט, פאַר וואָס איך האָב געשריגן.

כ'האָב ביטער פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין פייכטן קישן
און זיך צעכליפּעט. וואָס זאָל איך איר זאָגן? —
ליבער איז מיר נאָך אַלץ געשטאַנען אין די אויגן
און געזען, ווי ער פאָרט אַוועק זיך שלאָגן.

זי איז צוגעגאַנגען צום בעט: „נו, גענוג געכליפּעט,
מיין קינד, שטיי אויף!" — און געגלעט מיינע לאָקן.
ביים אַרויסגיין האָט זי געזאָגט: „ס'איז היינט אַ שיינער
טאָג, נאָר נעם טו דיר אָן די גראָבע זאָקן".

דער טאַטע דערציילט

די אייגענע וואָך, אין דער פרי, ווען כ׳בין נאָך געליגן
אין בעט און ביי אַ צוגעלענטער טיר, —
האָב איך יאַסנע געהערט, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען
שושקען זיך עפּעס און רעדן פון מיר.

פריִער האָט דער טאַטע דערציילט, אַז „אַזאַ, קענאָרע,
אָן איר היזק שיין און געראָטן קינד",
האָט דער רבי געזאָגט, „זעט ער ס׳ערשטע מאָל, דערימעך
קען דאָס איר חס ושלום פירן צו זינד".

ווייטער האָט ער אים געזאָגט, דער רבי, אַז פּאָדליק
זיין שכל איז און טאַקע ווי ער זעט, —
קען ס׳קינד אריין אין אַ חולאַת. איז דאַרף מען זי תיכּף
חתונה־מאַכן איידער עס ווערט שפּעט.

ס׳איז געוואָרן שטיל. די מאַמע האָט זיך אָנגערופן:
„נו, דעם חתן רייסט מען דען אָפּ פון בוים?
דעם רבין איז גרינג צו זאָגן. און ווי קען מען האַלטן
אַ מיידל הינטערן ריגל, אויפן צוים? —

דוד, און אַז כ׳וועל דיר זאָגן, איטע איז פאַרליובעט
אין ליבערן, פּנחסל דעם סופרם זון? —
כ׳מיין, נישט קיין קרומער שידוך. מ׳וואָלט באַדאַרפט רעדן, אפשר
וואָלט עפּעס אַרויסגעקומען דערפון".

„אַ שוואַך יִנגל. אַ יאַדעשליוועך פּונקט ווי דער סופר", —
האָט דער טאַטע בייזלעך געטון אַ ברום, —
„חוץ דעם גייט ער דאָך זאַרעז אַוועק צום פּראָנט, ליבער,
איז וואָס וועט זיין, ער קומט חלילה אום?"

די מאַמע האָט געטון אַ זיפץ, געשוויגן אַ ווײַלע.
„דוד, כ'האָב שטאַרק מורא פֿאַר אונדזער קינד", —
האָט זי שוין געזאָגט אויף אַ קול און אונטערגעכליפּעט:
„זי וועט מיר חרוב, ווײַ איז מיר און ווינד".

כ'האָב געהערט, דער טאַטע טוט זיך אָן, עפֿנט די שאַפֿע,
טרייסט אַפֿ דעם טולופּ און טוט אַ זאָג:
„פּעסיע, ס'וועט שפּעט, כ'דאַרף זײַן אויפֿן פֿעלד. אַ מראַק אין דרויסן,
קוק נאָר אַרוים סאַראַ פֿאַסקודנער טאָג".

די מאַמע האָט געררוקט אַ שטול, געזוכט אירע שקראַבעס:
„גיי נישט אַוועק, כ'מאַך שוין ציקאָריע, וואַרט!"
און ווען זי האָט זיך דורכגעשליאַפּעט, האָט זי דאָס טירל
פֿון מײַן אַלקער פּאַמעלעך צוגעשפּאַרט

און שטיל געמורמלט: „זי שלאָפֿט נאָך יאַקבי. זאָל זי שלאָפֿן.
ס'קינד וועט מיר חרוב, זי גייט, נעבעך, איין — — —"
ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. כ'האָב געשלינגען די טרערן
און ס'האַרץ האָט זיך מיר געקאָרטשעט פֿון פּײַן.

יענעם פּרימאָרגן

ווען די מאַמע איז אַרויס עפּעס קויפן, איז קאָטעק
אַראָפּ פון זיין בעטל, אַריין צו מיר,
מיך אַרומגענומען, אַריינגעקוקט אין די אויגן
און געפרעגט: „איטעלע, וויינסט, וואָס איז דיר?"

ער האָט איינגעגראָבן אין מיין לייב די פּוכקע הענטלעך,
קינדיש געהאָצקעט אַרויף און אַראָפּ
און מיך נישט אָפּגעלאָזט: „אָבער פאַר וואָס דאַרפסטו וויינען,
ס'גרימט דיר אין בויך, טוט דיר ווי דער קאָפּ?" —

כ'האָב אים דערנצמאָל אויסגעקושט, מיין ברודערל, יעדן אבר
און מיט מיינע טרערן אים נאָס געמאַכט.
דערנאָך האָב איך אים געטאָרקעט, געקיצלט און זיינע
בלאָווינקע אייגעלעך האָבן געלאַכט.

פּלוצים איז ער געבליבן שטיל, געקוקט צו דער סטעליע
און זיך אָנגערופן אָט אַזוי — טאָטש וו'טאָטש:
„דער בעלפער זאָגט, אַז כ'האָב אַ שיינע שוועסטער, נאָר קוקן
קוקט זי אויף ליבערן, דעם פון סמאָטש".

„האָב איך אים געזאָגט, דעם בעלפער, אַז ער איז דעם סופרס
זון און ער שרייבט די תורהס, פאַרשטייסט? —
און ס'זאָל אים גוט פּערען, האָב איך געזאָגט, ביסט זיין כלה,
אַז די מאַמע ווייסט און דער טאַטע ווייסט".

כ'האָב קאָטעקן צוגעטוליעט צו זיך, אים ווידער אַ מאָל
גוט אויסגעקושט די בעקלעך מיט אַ כליפּ:
קוקט עס אָן, אַ ברעקל, און ווי קלוג ס'רעדט, מיין ברודערל, —
און אים שיִער נישט אָפּגעביסן אַ ליפּ.

די מאַמע איז אַריינגעקומען פון מאַרק: „רינעטקעס,
געפּרוּוירענע עפּל האָב איך געבראַכט;
נו, קינדער, טוט זיך אָן! דו, קאָטעקל, וואָסער חנא
איז היינט ביי דיר? ס'איז שוין אַ שטיק נאָך אכט".

„און דו, טעכטערל, זע איך, האָסט ווידער רויטע אויגן,
נאָר יום-כיפּור איז ביי איר. וואָסי, רעדט!
ס'איז דאָ ברויט, געוועגדזלטע פישעלעך, נעמט בייסט איבער,
כ'וועל שוין אַליין שפּעטער צובעטן ס'בעט".

„יאָ, אין מאַרק דערציילט מען גאָרנישט קיין פריילעכע זאַכן",
האָט זי גערעדט האַלב צו אונדז, האַלב צו זיך,
די מאַמע, ווען זי איז געשטאַנען און זיך געפּאָרעט
ביי עפּעס לעם דעמבענעם טיש אין קיך.

און מיט אַן אַנדער קול, ס'זאָל אונדז, ווייזט אויס, שטאַרק געפעלן
די בשורה, האָט זי פון דאָרט באַלד דערנאָך
כמעט אַרויסגעשריגן: „אַ קרובה, דאַכט זיך, מנוחה,
קומט צו אונדז צו גאַסט, טאַקע איזהדעוואָך".

ליבער גייט אַוועק

בייטאָג־צו, ווען כ׳בין געשטאַנען און געזשמיקעט
אין דער מידניצע עטלעכע שטיקלעך,
האָב איך פּלוצים דערזען אין פענצטער ליבערן,
ווי ער גייט דורך אונדזערע בריקלעך

און נאָך אים שלעפּט זיך איינגעבויגן זיין מאַמע,
מיט דער שאַל ווישט זי זיך די טרערן
און אַז ער אַליין האָט אויך פאַרוויינטע אויגן,
האָב איך עס הייליק געקענט שווערן.

אוי, ער גייט שוין אַוועק! — האָט מיר אויסגעשאָסן
אַ ביקס אין האַרצן. יאָ, זיי גייען
צום באַן! — און די גאַנצע שטוב האָט זיך ראַפּטעם
גענומען מיט מיר שאָקלען און דרייען.

מיט די נאַסע הענט בין איך אַרויסגעלאָפן
פון שטוב אויפן פראָסט, בין אַריבער
דעם טראַקט און געשריגן פונקט, ווי אַ משוגענע:
„ליבער, גיי נישט אַוועק, אוי, לי־בער!”

ר׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָכן קאַצקער שטיבל
און טיף געבראַדזעט אין די שנייען.
ער האָט זיך אומגעקוקט און יאָמערלעך האָבן
אים נאָכגעיאָגט מיינע געשרייען:

„קער זיך אום צוריק! ניטע, גיי זיך נישט שלאָגן.
איך וועל אויסגיין ווי אַ ליכט, לי־בער!”
נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט און איז כסדר
פאַרגאַן צווישן די ווייסע שטיבער.

כ׳בין געבליבן שטיין פאַרגליווערט אין די שנייען
און די האָר פון קאָפּ זיך געריסן.
כ׳האָב ביטער געכליפּעט פּונקט ווי ביי אַ טויטן
און די פינגער זיך איינגעביסן.

אַ פּאָר מענטשן זענען צו מיר צוגעלאָפן
און באַלד האָט מיך גענומען פירן
צו דער שטוב עפּעס אַן האָרבאַטע ייִדענע
מיט רויטע הענט, סאַמע פּאַכירן,

און זי האָט מיך געטרייסט: „פּע, ווייַן נישט מיידעניו,
מיטן פראָסט טאָר מען זיך נישט שפּילן — — —
אוי, אַזאַ שיינס, אַזאַ לעכטיקס, קום גיכער,
קענסט זיך, חלילה, נאָך פאַרקילן״.

כ׳בין אַריין אין שטוב, ווי נאָך אַ לוויה: „האָדיע,
מ׳האָט ביי מיר צוגעכאַפּט מיין טייער
ייִנגל, מיין ליבערן!״ — און אין האַרץ האָט געשרפּעט,
ווי מ׳וואָלט דאָרטן צעלייגט אַ פייער.

ראָסיע

„אַט גייט זי, ראָסיע! — האָט די מאַמע זיך אויפגעהויבן
און ראַפּטעם געלאָזט לויפן ביזן טיר:
כ׳וועל זי אַריינבעטן אין שטוב אויף אַ ווײַלינקע,
אוי, ווי זי זעט אויס, אַ ווייטיק איז מיר!״

(ראָסיע, ליבערס מאַמע, האָט זיך געשלעפּט אײַנגעוויקלט
אין דער שאַל און אויסגעזען, ווי אַ שפּאָן.
ס׳פּנים אירס סומנע און פאַרשפּיצט, געבויגן אין צווייען
און פון קעלט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן).

„קומטס אַריין, קומטס אַריין״, — האָט זי די מאַמע געבעטן, —
„ראָסיע, כ׳וועל אײַך מאַכן אַ גלעזל טיי;
און דאָ־אָ״, — האָט זי איר אָנגעוויזן אויף אַ רעדנע, —
„קענט איר אַ ביסל אָפּקלאַפּן דעם שניי״.

ראָסיע האָט זיך אַנידערגעזעצט און מ׳האָט בעשיימפּערלעך
געזען ווי זי צאַנקט, אַז דאָס מענטש גייט אויס:
שאַרפע שטשאָקעס, איבערגעדרייטע אויגן און טויטע
צוויי הענט באָמבלען זיך איר נאָך אויפן שויס.

זי האָט עפּעס אַזוי געקוקט אויף מיר, אַז ס׳האָט פּשוט
מיך דערשראָקן איר מאָדנע סטראַשנע בליק.
און ווי גיך כ׳האָב זיך אָפּגערוקט פון איר, איז זי פּלוצים
געפאַלן מיטן פּנים צו דער בריק.

די מאַמע איז אָנגעלאָפן מיטן הייסן טשאַיניק
און אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געשריי.
זי האָט אויפגעהויבן ראָסיען און באַלד אָנגעגאָסן
פאַר אירעטוועגן אַ הייסע גלאָז טיי.

אַז ראָסיע איז געקומען צו זיך, האָט זי אָנגעהויבן
פלייצן מיט טייכן טרערן און געקלאָגט:
„שוין! צוגענומען מיין איינציק אויג אין קאָפּ, מיין אוצר,
אוי, ווי ס׳הארץ האָט מיר, נעבעך, געזאָגט״.

זי איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטאַרט. געקוקט צו דער מאַמען
און דערציילט: „אַ נאַכט פאַרן אוועקגיין
חלומט זיך אים, אַז מ׳פירט אים צו דער חופה מיט אַ֫ייער
איטען, אָבער״, — האָט זי געקריצט די ציין

און ווייטער געזאָגט: „מיין ליבערל האָט מיר צוגעשוווירן,
אַז ער וועט אַנטלויפן ביים ערשטן שאָס — — —
אוי, מיין אוצר, מיין קדיש, ווער האָט זיך געקענט ריכטן,
פּעסיע קרוין, אויף אַזאַ ביטערן ליאָס?״ —

נאָך די רייד איז זי ווידער אַ מאָל שטאַרק איינגעפאַלן,
ראָסיע, און די מאַמע האָט איר מיט שפּירט
געריבן די הענט, די שלייפן און דערנאָך אַסטראָזשנע
זי אויפגעהויבן און אהיימגעפירט.

אַ קרובה

ס'איז שוין עטלעכע טעג, אַז צו אונדז איז געקומען
צו גאַסט מנוחה, די קרובה פון אוסטילע,
אָבער זי קומט בלויז שלאָפן און האָט נאָך ביז איצטער
כמעט מיט קיינעם נישט גערעדט אפילו.

די מאַמע זאָגט, ס'איז פעטער לייזערס צווייטע טאָכטער
און זי איז יונג, נישט דאָ גערעכט, געבליבן
אַ יתומה; אַן אָפּגעבראָכן צווייגעלע, נעבעך,
ווי אין די מעשה־ביכלעך ווערט באַשריבן.

זי איז אַ הויכע און אַ שיינע, זאָגט די מאַמע,
אפשר די קראַסאַוויצע פון איר שטעטל,
אָבער קיינער קען זי רעכט נישט אָנקוקן, כאַבאַי,
ווען זי שלאָפט. (און זי שלאָפט אין קאָטעקס בעטל

מיט צונויפגעקאָרטשעטע פיס און אויפן פנים
לייגט זי זיך אַרויף אַ דין געבלימט טיכל.
אין דער פרי, ווען זי גייט אַוועק, שמעקט פון פּערפומען
ס'גאַנצע געלעגער — דאָס ליילעך און ס'ציכל).

זי עסט נישט ביי אונדז, אָבער זינט זי איז געקומען,
די ווייטע אומבאַקאַנטע קרובה, מנוחה, —
גייט דער טאַטע אַרום עפּעס ברוגז און בורטשעט.
אין שטוב איז געוואָרן אַ זאַווערוכע.

סטייטש, זי שלייעט זיך אום שפּעט ביי נאַכט; אַז די שכנים
זעען, ביזן שטוב גייען איר נאָך סאָלדאַטן.
זי וועט קאַליע מאַכן איטען, טענהט דער טאַטע,
און אַז דאָס קען לייבלען אפילו שאַטן.

„יאָ, זי קומט שפּעט, — האָט זיך די מאַמע אָנגענומען
פֿאַר איר, — נו, זאָל זי אַ ביסל גולייען;
און די סאָלדאַטן ווידער איז אַ באָבע־מעשה,
מאַלע וואָס שכנים האָבן ליב צו ברייִען”.

אָבער גערעכט איז גראָד געווען דער טאַטע. מנוחה,
וואָס איז געקומען אין אַן אַלטן מאַנטל,
אויסגעדרייטע טופֿליעס און מיט עפּעס אַ יופּקע
פֿון אַן אָפּגעטראָגן סיערע געוואַנטל, —

איז איין מאָל, אויסגעסטראַצלט פּונקט ווי אַ גראַפֿיניע,
ווי הויך זי איז, פּלוצים אַריינגעקומען
אין שטוב, אַז איר שיק האָט אַזשע פֿאַרכאַפּט די אויגן
און געווען איז זי באַשמעקט מיט פּערפֿומען.

דער טאַטע האָט זיך דענצמאָל גיך אויפֿגעהויבן,
אַוועק פֿונעם טיש, כּדי זיך נישט צו קריגן.
כ'בין געזעסן פֿאַרגאַפֿט. אַראָפּגעלאָזט די אויגן,
האָט די מאַמע, ווי פֿאַרשעמט, לאַנג געשוויגן.

מנוחה פֿאַרנעמט זיך

פֿון יענעם טאָג אָן האָט שוין מנוחה אָנגעווירן
איר גאַנצן חן אַפֿילו ביי דער מאַמען.
יעדערער אין שטוב האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די קרובה
וועט זיך שוין ביי אונדז נישט צו פֿיל פֿאַרזאַמען.

יאָ, אַזוי איז געשען. און ס'איז געווען צום דריטן
חנוכה־ליכטל — אַ רעגן, אַ סליאָטע,
ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, מנוחה גייט היינט אַוועקפֿאָרן,
ווייל זי האָט קאָטעקן געלאָזט אַ זלאָטע.

ס'איז קיינער נישט געווען. די מאַמע איז אינמיטן
אפֿשר ווו אַוועק. קאָטעק איז געשלאָפֿן.
איז יענעם ביי טאָג, ווען זי איז אַריינגעקומען,
מנוחה, האָט זי בלויז מיך אַליין געטראָפֿן.

„קיינער איז נישטאָ?" — האָט זי זיך כמעט געחידושט
און זיך תיכּף געלאָזט גיין מיט אַ טענצל
צו קאָטעקס בעטל, זעט אויס, אויף אַוועקצונעמען
פֿון דאָרטן איר פּעקעלע מיטן רענצל.

זי האָט זיך שטיל צוגעלאַשטשעט, מיך אָנגענומען
ביי דער האַנט און געזאָגט: „נו, כ'גיי שוין פֿאָרן".
און באַלד, ווי מ'זאָגט אַ סוד: „איטע, ביסט אַ שיין מיידל.
האָב שכל און פֿאַרשפּיל נישט דיינע יונגע יאָרן".

און ביז כ'האָב וואָס געזאָגט, טוט די טיר זיך אָן עפֿן,
סקאָצל קומט, די לאַנגע רייזיע אין מיטן!
זי גיט אַ גיי אַריבער די שוועל מיט אַ פּאַלעש:
„מנוחהטשקע, ווו ביסטו? ס'שטייט שוין דער שליטן!"

רייזיע מיט מנוחהן האָבן זיך דערנאָך געשושקעט,
ווי זיי וואָלטן אַ לאַנגע צייט זיך קענען.
מנוחה האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט און אויסגעשריגן:
„אוי, מיינע זאַמשענע הענטשקעס ווו זענען?"

זי האָט גיך געטון אַ וואָרף איבער די קעשענעס:
„כ'האָב זיי! נו, ווי מיינסטו, רייזקע, מיר גייען?" —
זי האָט געטון אַ קוק אין פענצטער: „זע נאָר, רייזל,
ס'האָט שוין נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן שנייען".

רייזיע האָט מיט אַ קוויטש געכאַפּט ס'רענצל: „מנוחהטשקע,
הער אַ געלעכטער, ווערסטו באַלד קראַפּירן:
'איר', — האָט זי אָנגעוויזן אויף מיר מיטן פינגער —
שטייט נישט אָן צו גיין מיט מיר שפּאַנצירן".

אַ צי-געטון רייזיען ביים אַרבל, האָט מנוחה
געזאָגט: „איצטער וועט קיינעם נישט פאַרדריסן.
יאָ, כ'פאַר שוין! מעגסט זיי גריסן, דיינע טאַטע-מאַמע,
אויך דיין נאַרישן ברודער לאָז אים גריסן".

קרוסע שיקט אַ שדכן

קרוסעס העזה האָט שטאַרק אויפגעטראָגן דעם טאַטן
און ר׳איז אומגעגאַן, ווי אַ צערייצטער טיגער:
„סטייטש, אַנדערש שטייט אים נישט אָן, דעם־אַ גראָבן פליגל,
ער — דער מחותן און געליע, זיין ווייב — די שוויגער.

היינט דאָס סינאָקל זיינס — מיין איידעם, דער געגע־מעגע,
נו־נו, אַזאַ חוצפה פון אַ באַלעגאָלע, —
פעסיע, מ׳קען דאָך נאָר צעזעצט ווערן!" — האָט ער געצערנט
פאַר דער מאַמען און געלאָזט פאַלן אַ קללה.

אָבער די מאַמוניע, אַלע מאָל זייער אַ קלוגע,
האָט געהאַט אַ פול מויל מיט וואַסער — געשוויגן.
זי האָט נאָכגעקוקט, ווי אין פאַרהויבענעם כאַלאַטל
האָט ער געוואָרפן מיט די הענט און געשריגן.

און ווען דער טאַטע האָט זיך שוין אָפּגעקילט אַ ביסל
און גענומען אַריינקוקן אין אַ חוקל,
האָט זי קוים צענומען די ליפּן: „דוד, פון קהל
נייט מען דיך נישט, זאָלסט איינהאַנדלען זיין סינאָקל.

מאַלע וואָס ר׳האָט געשיקט אַ שדכן. זעסטו, דער שדכן
קומט אוים אין מיינע אויגן אַ סך מער זינדיק;
כאָטש צוריקגעשמועסט, אַז אַ ייִד דאַרף, נעבעך, אַ זלאָטע,
פּרוּווט ער צונויפפאָרן אַ קאַץ מיט אַן אינדיק".

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט. ער איז אַלץ געזעסן
ביים חוקל און נערוויִיש געווישט די ברילן.
אויפן גאַס האָט געציבערט. דער ווינט, וואָס האָט געריסן
די שינדלען, האָט זיך גאָרנישט געוואָלט איינשטילן.

כ׳בין געזעסן אין אַלקער און געלייגט אַ מערעזשע
אויף אַ זאַק. די מאַמוניע, האָב איך פֿאַרשטאַנען,
האָט אייגגעדרימלט אויף דער שטול. ס׳האָט נאָך אַלץ געגאָסן
אויפֿן גאַס און געפּליוכעט פּונקט ווי פֿון קאַנען.

די מאַמע האָט כסדר אַרויסגעלאָזט אַ טיפֿן
זיפֿץ און עפּעס צוגעמורמלט מיט די ליפּן.
אין שטוב איז געווען שטיל, אַז מ׳האָט געהערט, ווי די טראָפּנס
וואַסער אין די רינוועס בולבען זיך און זיפּן.

די שטובנטיר האָט זיך פּלוצים געטון אַ צעעפֿן
און אַן אָטעם איז לייבל אַריינגעקומען.
ר׳איז געווען פּיטש-נאַס און ס׳האָט פֿון אים גערונען,
ווי מ׳זאָל אים האָבן פֿון טייך אַרויסגענומען.

דער טאַטע האָט אויף אים געטון אַ סקאַסנע קוק: „תכשיט,
אין דעם מבול?״ און געוויזן אויף די שויבן.
אָבער לייבל האָט מיט גרוים שרעק געטון אַ זאָג: „טאַטע,
אין שטאָט רעדט מען, אַז ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן״.

די אײגענע נאַכט

די אײגענע נאַכט האָב איך געמײנט, איך שטאַרב. די קליבעס
האָבן מיר עפּעס װי מיט קלעשטשעס געצויגן.
אונטער די בריסטן האָט מיר געדריקט און גאַנצע שטיקער
פֿײַער זענען מיר געלאָפֿן פֿאַר די אויגן.

כ׳האָב געפֿילט, עפּעס גיסט זיך אין מיר. סטרומיקלעך װאַסער
רינען אין מיר ביז אַראָפּ די פֿיס, װאָס פֿלאַמען.
ס׳האָט זיך מיר אויסגעװיזן, אַז אָט װעל איך חלשן.
אָבער כ׳האָב נישט געװאָלט אויפֿװעקן דער מאַמען.

איך האָב געטון אַ קאַלטן טרונק, אײַנגענעצט אַ טיכל
און עס צוגעלײגט צום פֿאַרפֿאַליעטן שטערן.
נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפֿן. אַלצדינג אין מיר האָט געצאַפּלט
און באין־אופֿן נישט געקענט אַנטשלאָפֿן װערן.

פּלוצים דאַכט זיך מיר, נײַן, כ׳פֿיל ליבערס ליפּן אויף מײַנע,
װי צוגעקלעפּטע. זײ קענען זיך נישט צעשײדן;
און אַז מיר גראָבן זיך בײדע אײן אײנער אין צװײטן
טיף אַזױ, ביז אין די סאַמע אײַנגעװײדן.

כ׳פֿיל אים, ליבערן, פּונקט װי אַ גרויס קינד אין צעגליטן
שוים און אַ מידקײט צענעמט מיך װי אויף שטיקער.
אַ זיסע מידקײט אַזאַ האָט אַלע מײַנע אברים
אָנגעטרונקען און כ׳ליג פֿאַרטײעט און שיכור,

װי עפּעס אַן אונטערגעזעגטער בוים, אָפּגערונען
אין װאַרעמער פּעטע זשיװיצע. די גלידער
מײַנע זענען שטיל. און אַנגעזעטיקט פֿון די זאַפֿטן,
זינק איך אַרײַן אין דרימל טיפֿער און מידער.

דערנאָכדעם, ווען כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך געליגן,
ווי אין הינערפּלעט. אין אַלקער און אין לאָדן
איז נאָך געווען גוט פינצטער, נאַכט. אַלץ אויפן געלעגער
איז געווען פייכט. און איך — אין שוויים אויסגעבאָדן.

כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן, אָבער נישט געקענט שלאָפן.
כ'האָב ווידער אָנגעהויבן פילן, ווי ליבער
צערטלט מיך איבער די באַקן, קושט מיר אין די בריסטן
און וואַרעמקייט יאָגט אָן אין מיר, ווי אין פיבער.

זיינע קושן בריִען מיר אוים דאָס לייב און ווי באַנקעס
פאַלן אַלע מאָל צו זיינע הייסע ליפּן.
איך דריי מיך, ווי אַ וואָרעם און זיינע שטייפע פינגער,
פיל איך, ווען מיר איבערברעכן די ריפּן.

כ'האָב אַזשע אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. די מאַמוניע
האָט זיך אויפגעכאַפּט: „וואַסי, וואָס שרייסטו, איטע?" —
נאָר כ'האָב גאָרנישט געקענט ענטפערן. איך בין געליגן
פונקט ווי אויף זשאַר, אין גאַנצן אַ צעגליטע.

דער שוואַרצער
מוצאי-שבת

„ס'האָט זיך אָנגעהויבן"

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי — און ס'איז געווען פרייטיק,
איז דער טאַטע לענגער ווי תמיד פאַרבליבן
אין שטוב. ער האָט שוין אפילו געהאַט אָפּגעדאַוונט
און נאָכן גלאָז טיי זיך אומגעדרייט, געריבן

די הענט און אַלע מינוט — עפּעס שטאַרק צעטראָגן —
געקוקט אין די טונקלע פאַררעגנטע שויבן
און שטילערהייט צו זיך אַליין, קיינער זאָל נישט הערן,
האָט ער געזאָגט: „יאָ, ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן".

ווען ר'האָט זיך אויפגעהויבן, האָט לייב געזאָגט דעם טאַטן,
אַז ער האָט אויכעט ביי נאַכט געהערט גוט שיסן,
אָבער אַז ווו זיי שפּאַרן שוין אָן, די באָלשעוויקן,
אָט דאָס קען מען נאָך אַצינדער גאָרנישט וויסן.

די מאַמע ווידער, וואָס האָט שוין געשיילט די קאַרטאָפליעס,
האָט געזאָגט, אַז זי אַליין קען עס נישט גלייבן,
אַ סימן — אַצינדער הערט מען גאָרנישט און אַז מסתם
האָט זיך זיי געדאַכט — סיי דעם טאַטן, סיי לייבן.

סטייטש, ווערליק זי איז ביי נאַכט אַזוי גוט נישט געשלאָפן,
וואָלט זי אויכעט באַדאַרפט, כאָטשע איין מאָל, הערן,
אַז מ'שיסט. און אויב די מלחמה דאַרף, חלילה, קומען, —
וועט זי שוין אַליין קומען און מ'דאַרף נישט קלערן.

ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען
ניסל שטריקנדרייערס שטום ווייב עפּעס לייען.
אַז זי האָט אויכעט געהערט, ווי מ'האָט ביי נאַכט געשאָסן,
האָט זי מיט די לאַנגע הענט גענומען ברייען

דער מאַמען און דערביי האָט זי אַרויסגעלאָזט מאָדנע
קולות. די מאַמע האָט זיך גיך איינגעבויגן
צום שאַפּקעלע, איר דערלאַנגט ס׳ריבאייזן און די שכנה
איז אַוועק מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן.

די מאַמע האָט זיך צוריקגעזועצט ביי די קאַרטאָפּליעס
און פאַרטראַכט געהאַלטן איר בליק אויף די שויבן.
דאָס קניפּיקל איז איר אַלע מאָל אַרויסגעפאַלן
פון די הענט: „יאָ, זעט אויס, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן״.

האַלב נאַקעט, אין סטאַנדל, איז קאָטעק אַראָפּ פון בעטל
און זיך אַוועקגעשטעלט וויינען פאַר דער מאַמען,
אַז ס׳איז אים קאַלט. „איטע, נעם צי אים אַרויף די הייזלעך, —
האָט די מאַמע געזאָגט, — כ׳וועל אַליין צוראַמען״.

דער טאַטע האָט זיך איבערגעטון ס׳אַלטע כאַלאַטל,
געטון אַ שערווע די באָרד און אָנגענומען
די קליאַמקע, האָט ער געזאָגט: „פּעסיע, כ׳וועל מיך צוכאַפּן
אין בעדל. כ׳וועל מיך נישט זוימען און באַלד קומען״.

סנאַראַדן

פּונקט ערב ליכטבענטשן איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע
אין די געסלעך און מ׳האָט גענומען פאַרהאַקן
טירן, לאָדנס — ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שיסעניש
צווישן די באָלשעוויקן און די פּאָליאַקן.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן אין די קעלערס,
אויפן בוידעם, אַריין אין שטעלעכלעך, שאַפעס.
אין גאַס האָבן די פּאָליאַקן באַלד גענומען כאַפּן
די מאַנצליים, זיי זאָלן גיין גראָבן אָקאָפּעס.

דער טאַטע איז שוין געווען צוריק פון בעדל, אָבער
מיר האָבן נישט געהאַט ווו זיך צו באַהאַלטן.
ר׳האָט געזאָגט, מיר זאָלן זיך לייגן אונטער די טישן, —
ס׳איז קראַנטנער, ווי אויפן בוידעם מיט די שפּאַלטן.

מ׳האָט געהאַלטן די נשמה אין די הענט. די מאַמע
האָט געציטערט ווי אַ בלאַט און איינגענומען
קאָטעקן, וואָס האָט שטאַרק געוויינט. זי האָט אים געשראָקן
מיטן „אַלטן דזיאַד״, וואָס וועט באַלד אַריינקומען.

דער טאַטע האָט אים אַפילו געסטראַשעט צו שלאָגן
און אַליין איז אים אַזשע פאַרלאָפן טרערן.
די סנאַראַדן האָבן געזשוזשעט און אויפגעריסן,
אַז מ׳האָט געמיינט, ס׳געסל וועט זיך איבערקערן.

דאָס שיסעניש פון האַרמאַטן איז געוואָרן שטאַרקער
און ס׳האָבן זיך אַזשע געטרעסעט די שטיבער.
כ׳בין געליגן אונטערן טיש, שטיל אין זיך געכליפּעט
און פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען ליבער,

וואָס איז אַצינדער אַזוי איינגעשטעלט מיטן לעבן,
נעבעך! גאָט ווייסט, צי ער וועט האָבן אַן אופן —
ווי זיין מאַמע האָט אַנומלטן געזאָגט — צו קענען
אַוועק פון פייער, אויסרייסן זיך — אַנטלויפן!

„אוי, ליבער האַרציקער, קום צוריק, אַנטלויף פון פייער",
האָב איך געהעשעט. און ווען ס'איז דורכגעפלויגן
איבער אונדזער דאַך אַ סנאַראַד, האָב איך פון גרויס פּחד
זיך געטון אַ וואָרף און צוגעמאַכט די אויגן.

נאָך יעדער שאָס האָט מען זיך אַרומגעקוקט אַן אָטעם,
צי דאָס האָט, חלילה, נישט אַריינגעטראָפן
צו אונדז. די מאַמע האָט אַלע מאָל געטון אַ שעפּטשע:
„אוי, גאָטעניו, פּרוּוו אונדז, נאָר זאָלסט אונדז נישט שטראָפן".

דער וואַנטזייגער מיט די וואָגעס האָט אַלץ אויסגעקלונגען
די שעה. אַ האָן האָט זיך צעקרייט ערב טאָגן.
לייבל האָט זיך צוגעבויגן און געזאָגט דעם טאַטן,
אַז אין דער פרי וועט מען זיך אויפהערן שלאָגן.

נאָך דער שלאַכט

װען ס׳האָט גענומען שאַרן אויף טאָג האָט טאַקע,
װי לייב האָט געזאָגט, זיך אָפּגעשטעלט דאָס שיסן.
דער טאַטע האָט זיך באַלד אַרויסגעשאַרט אין פּאָדוויר,
געריירט אַ טשוטקע די טיר, זיך צו דערוויסן

װאָס ס׳טוט זיך אין געסל. ר׳איז תּיכּף אַריינגעקומען
און געזאָגט, אַז דאָרטן, אויף זימניער זייט, ברענען
די כמאַרעס. שטאַרקע שריפות. אָבער מ׳קען נישט וויסן
אַקוראַטנע ווו זיי, די באַרוועסע, זענען.

„זעט אויס, מ׳האָט זיי אָפּגעטריבן. דאָס זענען געווען
די האַלערטשיקעס״, — האָט לייב געזאָגט צום טאַטן;
„די האַלערטשיקעס, גענעראַל האַלערס אַרמייען,
אַלץ איז ביי זיי ניי, אַפילו די האַרמאַטן״.

דער טאַטע איז ווידער אַרויסגעגאַן אין פּאָדוויר,
דערנאָך האָט ער מיט שרעק דערציילט, אַז חזרים,
האָט ער געזען, רייסן די קישקעס פון אַ פּאָליאַק,
װאָס זשיפּעט נאָך מיט אַרויסגעזעצטע געדערים.

אַז גרשניו ציצקע, שעפּע בעקערס בן־יחיד,
ליגט, נעבעך, אויפן דאַך פון זיין שטוב דערשאָסן.
און אַז ביי די יאַצמעכס האָט אַ סנאַראַד צעריסן
אַ קו. דער גאַנצער שטאַל איז מיט בלוט פאַרגאָסן.

די מאַמע האָט פאַרקרימט ס׳פּנים: „דוד, טייערער,
װי גאָט איז דיר ליב, כ׳בעט דיך, הער אויף ברייען
די סטראַשנע זאַכן. קאָטעק וועט זיך נאָך אויפכאַפּן
און נאָך אַ מאָל אָנהייבן ליאַרמען און שרייען.

און איטען דאַרפסטו אויכעט איצט נישט איבערשרעקן,
זי האָט שוין געגוג אירם — ליבער, נעבעך, ליבער — — —
אוי, טאַטעניו זיסינקער, ווער קען עס אויסהאַלטן!
פון אייזן דאַרף מען דאָך זיין, פראַמע אַ גיבור".

דערנאָך האָט זי אַ זאָג־געטון צו מיר: „איטעניו,
ווו ביסטו? קום, רוק דיך צו. מ'וועט שוין נישט שיסן;
מ'האָט זיי אָפּגעטריבן, די באַרשטעוווניקעס. אפשר
ווילסטו עפּעלעך־יויך? זאָל איך דיר אָנגיסן?" —

כ'האָב גוט געהערט, ווי די מאַמע רופט מיך, אָבער אויפהייבן
זיך פון אָרט האָב איך נישט געקענט. פאַר די אויגן
האָבן זיך מיר אַלץ געדרייט פייערדיקע רעדער
און ליבער, כ'האָב געזען, איז אין זיי געפלויגן.

פאַר שרעק האָט זיך אַזשע דאָס האַרץ אין מיר געוואָרפן.
כ'האָב געפילט — איך עק זיך, כ'וועל נישט איבערטראָגן.
אין די לאָדנס איז געוואָרן אַלץ מער ליכטיקער.
„ס'איז טאָג!" — האָב איך קוים געהערט דעם טאַטן זאָגן.

האַלערטשיקעס

אויפן גאַס איז געווען שטיל. מאָדנע שטיל און שרעקעוודיק.
מ׳האָט מורא געהאַט אַ נאָז אַרויסצושטעקן.
נאָר פּיווטורניע האָט זיך גענומען הערן אַ טומל
פון ווייטנס און אַ פּויקן פון אַלע עקן.

יאָ, מ׳הערט שוין גאָר נאָענט אַ הירזשען און טופּעניש
פון פערד, ס׳טראַסקען פון רעדער, הוראַ־געשרייען.
און דאָס אַלץ קומט פון רילעוויצער טראַקט, פון זימניע.
די האַלערטשיקעס! ס׳קומען האַלערס אַרמייען.

לייבל איז אַריין אין דער פּעדערשטער גרויסער סאַליע
און אַרויסגעקוקט דורכן לאָדן: „זיי גייען״, —
האָט ער אויסגעשריגן מיט נישט זיין קול, — „יאָ, זיי קומען,
זיי מאַרשירן שוין אַריין, האַלערס אַרמייען!״

ס׳געטופּעניש איז געוואָרן אַלץ נענטער און שטאַרקער,
די רעדער האָבן געקוויטשעט, ווי מ׳שעכט חזירים.
לייבל איז מיט איין שפּרונג באַלד געשטאַנען לעבן טאַטן:
„זעסט, מ׳האָט זיי שוין אָפּגעטריבן, די ׳חברים׳״.

נאָר דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעדרייט און פּאַמעלעך
אַריינגעגאַנגען אין דער סאַליע. „זיי קומען, —
האָט ער שטיל געבורטשעט. — אַ גדולה אויף אים, זיי קומען!״
און ר׳האָט אַ טשוטקעלע דעם לאָדן צענומען.

דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט אויף דער טאַבורעטקע
און עפּעס געזאָגט דער מאַמען אויף שטום־לשון.
זי ווידער האָט באַלד אויף מיר אַ פּיר־געטון די אויגן,
שטאַרק פאַרזאָרגטע, מידע און ווי אויסגעלאָשן.

זי האָט געטון אַ זיפץ און צו זיך שטאַרק צוגעדריקט
קאָטעקן, וואָס איז כסדר נאָך געשלאָפן
אין אירע אָרעמס: „אוי, גאָטעניו, פאָטער האַרציקער, —
האָט זי געשעפּטשעט, — פּרוּוו מיך, נאָר זאָלסט נישט שטראָפן".

„פּעסיע, מ'וואָלט שוין באַדאַרפט באַהאַלטן ס'קינד, —
האָט דער טאַטע
זיך אַ הייב אויף געטון פון דער טאַבורעטקע,
ווי פון אונטער אָנגעגליטע קוילן, — ווי אַ קוקלע
זעט זי דאָך אוים ביי דיר, אַ גאַנצע פּאַצעטקע!"

דעם טאַטנס ווערטער זענען געפאַלן ווי סנאַראַדן.
די מאַמע האָט זיך געטון אַ וואָרף. אַ קאַלטן
שווייס האָב איך דערפילט אויפן שטערן. איבער די ביינער
איז מיר אַזשע דורך אַ דראָזשטש — „מ'דאַרף מיך באַהאַלטן".

לייבל איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט דורכן לאָדן.
„האַלערטשיקעס — פרישע צרות, פרישע ליידן", —
האָט די מאַמע ביטער געקרעכצט. אין שטוב איז געוואָקסן
דער פחד — גראָב, ווי מיט אַ מעסער צו שניידן.

הינטער די לאָדנס

אַ גרויסער טאָג איז שוין געשטאַנען הינטער די לאָדנס,
נאָר מ׳האָט זיי נישט געעפנט. העלע טאַשמעס שייַן
האָבן זיך אַריינגעזויגן און איבערגעבראָכן
אויף די לייכטער, אויף דער קאַראַפינקע מיט ווייַן

און אויף די עטלעכע נישט־אויסגעוואַשענע טעלער,
וואָס זענען געבליבן שטיין אויפן טיש אין קיך
און אונטער וועלכן מיר אַלע זענען נאָך געליגן
נישט אויסגעשלאָפן, האַלב־אויסגעטון, אין די שיך.

בלייך, מיטן קאָפּ צוגעשפּאַרט אין דער וואַנט, האָט די מאַמע
נאָך אונטערגעדרימלט מיט קאָטעקן אין שוים
און אויסגעזען האָט זי, מיינע שונאים, ווי אַ מת, וואָס
אַ שענערן, נישט דאָ גערדאַכט, טראָגט מען אַרוים.

דער טאַטע איז געשטאַנען הינטערן הויכן פענצטערל
לעם פּעקעליק און אויסגעמישט אין אַ גלאָז
אַ ביסל יאָדינע מיט וואַסער, אונטערגעסמאַרעט,
און מיט אַ פאַטשיילע זיך געריבן די נאָז;

דערביי האָט ער פון אונטער זיינע בלעכענע ברילן
געוואָרפן אַן אָנגעדרודלטן סקאָסנע בליק
אויף לייבלען, וואָס איז זיך געליגן אויף דער פּאָדלאָגע
און גערוקט די טאַבורעטקע הין און צוריק.

פון מאָל צו מאָל האָט זיך געהערט ווי ערגעץ אין דרויסן
ריגלט זיך אויף אַ לופטשיק און ס׳גיט זיך אַ ריר
אַ קליאַמקע, צי גאָר אַ שטיל שושקעניש פון די שכנים
פאַרבלאָנדזשעט און בלייבט הענגען הינטער אונדזער טיר.

כ'בין געליגן אונטערן טיש און אין די אויערן
האָט עס מיר געקלינגען, ווי מיט גלעקער, איין וואָרט:
„ליבער! ליבער! לעבט ער? ווו איז ער אַצינד, מיין חתן,
און אויף וועלכן פראָנט שלאָגט ער זיך, ביי וואָסער אָרט?

און אפשר איז ער גאָר געראַניעט, ליגט אין אַ שפּיטאָל,
קרעכצט, נעבעך, און קיינער איז נישטאָ ביי זיין בעט — — —
פאַר וואָס ביסטו תיכּף נישט אַנטלאָפן פונעם פייער,
ווי דו האָסט טאַקע מיט דיין מאַמען אָפּגערעדט,

געדענקסט? פאַר וואָס ביסטו, טייערער, גלייך נישט אַנטלאָפן,
פאַר וואָס ביסטו נישט אַוועק נאָכן ערשטן שאָס?
האָסט נישט געקענט, אַ? ענטפער מיר! כ'וועל דאָ אויסגיין,
ווי אַ ליכט! פאַר וואָס קומסטו נישט, פאַר וואָס, פאַר וואָס?" —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
די מאַמוניע האָט געהאַלטן איר האַנט אויף מיין שטערן:
„פאַר וואָס שרייסטו, מ'טאָר אַצינד נישט שרייען, מיין קינד!"
און זי האָט געכליפּעט, — ס'קינד גייט מיר אַראָפּ פון זינען,
אוי, גאָטעניו, וואָס טוט מען? וויי איז מיר און ווינד!"

מיין חתן שטייט דערשאָסן

דער שבת־טאָג האָט נאָך געצאַנקט הינטער די לאָדנס,
ווי אַ קעראָסין־לאָמפּ ווו ס׳טיקט זיך דער קנויט.
אַ האַלבע קיך־שטוב איז שוין געשטאַנען אין שאָטנס
און אַ שטיקל אויוון איז געווען רויט.

אַלע האָבן געדרימלט. אויף דער טאַבורעטקע
האָט דער טאַטע געכראָפּעט ברוסטיק־שווער.
אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע, מיט פאַרמאַכטע אויגן,
האָב איך זיך אַלץ געדרייט אַהין און אַהער.

כ׳האָב געזען שרעקלעכע זאַכן. און נישט צו שרייען,
האָב איך צוגעדריקט די ליפּן מיט די ציין;
נאָר פון מיין צעווייטיקט לייב און פון מיין נשמה
האָט זיך געריסן אַ שלוכצנדיק געוויין.

מיט כל אמצי־כוחות האָב איך געפּרוווט איינשלאָפן,
כ׳זאָל מער גאָרנישט הערן, קיין שום זאַך נישט זען.
אַז פּלוצים — אינעם שינעל וואַקסט אוים פאַר מיר ליבער
און כ׳זע אים, ווי ס׳וואָלט אויף דער אמת געווען.

וויי, דער קאָפּ איז אים פאַרבונדן און אויפגעהאָנגען
טראָגט ער אויף אַ שטיק באַנדאַזש די רעכטע האַנט.
כ׳גיב אויף אים אַ קוק — אוי, די באַקן איינגעפאַלן,
טעמנע אויגן און בלייך איז ער, ווי די וואַנט.

קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס אין צוויי שטיוואַליעס
פאַרשפּריצטע ביז אַרויף מיט פאַרטריקנט בלוט
און בלאָטע, ווי ער זאָל אַרויסגיין פון אַ בוינע, —
אוי, ליבער, ליבער, — ווערט מיר אַזשע נישט גוט.

אַז כ׳פאַל אַרויף אויף אים און הייב אָן ביטער כליפּען:
„זאָג מיר, ביסטו שטאַרק געראַניעט? דער שינעל
הענגט דאָך אויף דיר צעפליקט פּונקט ווי אויף אַ טויטן,
אַ פּוליע האָט דיך געטראָפן, אַ שראַפּנעל?

אוי, ליבער, ענטפער מיר, האָסט אויפן פראָנט פאַרלוירן
ס׳לשון, קענסט טאַקע נישט רעדן, וויי איז מיר!״
און כ׳הייב אים אָן שטאַרק צו טרעסען אין אַלע זייטן,
אָבער ער, ווי אַ מת, טוט זיך נישט קיין ריר.

ס׳באַשלאָגן מיך קאַלטע אַנגסטן. איך גלעט אים ס׳פּנים,
קוש אים אויס זיינע טעמנע אויגן און כ׳עס
מיך איין אין אים מיט מיינע היים-צעגליטע ליפּן,
אָבער ער טוט זיך נישט קיין ריר, ווי אַ מת.

„אוי, מיין ליבער איז טויט, טויט! מאַמוניע, קום גיכער,
גיב אַ קוק, מיין חתן שטייט דערשאָסן, טויט — — —״
אַ נאַסער האַנטעך האָט געקילט מיין הייסן שטערן.
דער גאַנצער אויוון איז געווען צונטער-רויט.

דער ערשטער געשריי

אין קיך־שטוב איז שוין געווען גוט טונקל. די מאַמוניע,
מיט קאַטעקן אין שויס, איז נאָך אַלץ געליגן
אויפן אייגענעם אָרט און אַז ר׳האָט געטון דעם מינדסטן
פּיפּס, האָט זי אים געטוליעט, גענומען וויגן.

אין ספּאַלניע, ביי אַ ליכט, איז דער טאַטע, נאָך הבדלה,
געזעסן איבער אַ ספר און צוגעשריגן
אַלע מאָל: „פּעסיע, הייב זיך שוין אויף, גענוג געליגן
אונטערן טיש, זאָג איך, גענוג דאָרט געליגן".

לייבל איז עפּעס יאָ און עפּעס נישט ווי געשלאָפן,
אָבער אָן אוועלכן שאָרך פון אים צו הערן.
אויף די ווענט, פונעם מאָגערן ליכטל אין ספּאַלניע,
זענען געשטאַנען שאָטנס, ווי וועלף און בערן.

די לאַנגע גערדיכטע שטילקייט האָט אַזש געשראָקן.
פון הינטערן שכנס וואַנט האָט דאָס טיק־טאַקן
פונעם זייגער מיך געמאַכט נערוויייש. אין די שלייפן
האָט עס מיר, ווי מיט אַ האַמער, געטון האַקן.

כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן. פּלוצים האָט זיך דערטראָגן
פונעם געסל אַ געשריי, וואָס האָט צעריסן
אַלעמענס הערצער. עפּעס אַזאַ שרעקלעך יאָמערלעך
געשריי, ווי עמיצן וואָלט אַ שלאַנג געביסן.

ס׳איז געוואָרן שטיל. דער טאַטע האָט זיך אַריינגעשאַרט
אין די שטעקשיך אין קיך, זיך אַראָפּגעבויגן
צו דער מאַמען און זי ליובעזנע געטרייסט: „פּעסעניו,
ס׳איז גאָרנישט, שרעק זיך נישט! זע נאָר דיינע אויגן,

ווי רויט זיי זענען. נר־שוין, הייב זיך אויף און קום שלאָפֿן.
געננג געאויקעט און האָדיע צו די טרערן".
דערביי האָט ער לייבלען געטון אַ טאָרקע: „בחורעץ,
און דו לייען קרישמע פֿאַרן אַנטשלאָפֿן ווערן".

און בעת די מאַמע האָט זיך גענומען אויפהייבן,
אַז פלוצים דערהערט זיך אַ בראַזגען פֿון שויבן
און דערנאָך שרעקלעכע געוואַלדן פֿון גאַנצן געסל.
„קינדער, זיי קומען שעכטן, זיי גייען רויבן, —

האָט זי אויסגעשריגן און אַ פֿאַרשטאַרטע געבליבן
שטיין מיט קאָטעקן אויף די הענט, — יאָ, זיי גייען
אונדז הרגענען, די האַלערטשיקעס! וואָס טוט מען, דוד?"
און העכער זענען געוואָרן די געשרייען.

די קיך־טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און אַריינגעפאַלן
איז ניסלס שטום ווייב: „פּע־סיע, איר זאַלטס ווי־סן,
ס'גי־סט זיך אונד־זער בלוט, נע־בעך! מ'רא־בע־וועט שוין
ביים שוחט, —
גי־כער פֿאַרהאַקן די טי־רן, גוט פֿאַר־שלי־סן!"

דער שוואַרצער מוצאי־שבת

אין שטוב איז געוואָרן די אמתע סומאַטאָכע.
קאָטעק האָט געוויינט. די מאַמע האָט פאַרבראָכן
די הענט און געכליפעט: „דוד, לאָמיר איבערלאָזן
האָק און פּאָק און אַריינלויפן צו אַ שכן".

לייבל, דער גרויסער קנאַקער, איז געשטאַנען ביים טאַפּטשאַן
און עפּעס ווי אַ פאַלנע פּעטיעך, פאַרטייעט
געקוקט צו די לאָדנס. ער האָט אויסגעצופּט אַ גרעזל
פון וואַזאָנע, געלייגט אין מויל און געקייעט.

דער טאַטע — וויים, אַ שטיק ליים, האָט נישט געוווּסט וואָס־פריִער
צו טון. אָט קלאַמפּערשט רוּק און אָט פאַרצאָרנט,
איז ער אַלע מאָל מיט אַ נייעם פלאָקן געלאָפן
צו דער גאַסנטיר און זי בעסער באַוואָרנט.

דערנאָך האָט ער געקאָמאַנדעוועט: „פּעסיע, נעם קאָטעקן
און לייג אים אַוועק אויפן בעט. לאָמיר קודם
וואָס־גיכער אויסבאַהאַלטן איטען. שטעל אויף דעם לייטער
און פיר זי טיף אַריין אויפן צווייטן בוידעם.

און דו, בחורעץ, וואָס שטייסטו ווי אַ למך? תיכּף
האָסטו זיי, די כאַליערטשיקעס! די קאַנאַפּע
נעם און רוק צו צו דער טיר. דעם גרויסן טיש, דעם טאַפּטשאַן
און די שאַפע, — נו, ריר זיך, שטיי נישט און גאַפע

נישט מיט די אויגן, ווי אַ באָק אין קלויסטער. אַ ליאַדע
רגע קענען זיי אָנקומען, די באַנדיטן!"
„פריִער זאָלן זיי צעברעכן די פּיס, — האָט די מאַמע
געטון אַ פּאַטש מיט די הענט, — אוי, גאָט זאָל היטן!"

און אין געסל האָט זיך געטון חושך. די געוואַלדן
פון ווייבער און פון קינדער האָבן צעשניטן
ס׳האַרץ. מ׳האָט יאַסנע געהערט, ווי זיי שלאָגן מכת־רצח.
„זשידזשי, — האָבן זיי געשריגן, די באַנדיטן, —

אָ, זשידזשי פּאַרכאַטי, פּשיאַ קרעוו! באָלשעוויקי, וואָרגי״ —
און שויבן האָבן געבראַזגעט, אויפגעבראָכן
האָבן זיך טירן און דאָס געוויין, די קולות זענען
אַלע מאָל געקומען פון אַן אַנדער שכן.

„קינדער, די רוצחים זענען דאָ ביי מאַנעס מלמד,
הערט, זיי סטוקען שוין אין טיר! קום גיכער, איטע,
אַרויף אויפן בוידעם, — האָט די מאַמוניע געצאַפּלט,
דאָרט וועלן זיי אפשר נישט האָבן קיין שליטה.

און דו לעש אוים דאָס ליכט״, — האָט זי אַ שטופּ־געטון לייבן.
נאָר איידער מיר האָבן זיך גענומען רירן,
אַז פלוצים האָבן די האַלערטשיקעס אָנגעהויבן
רייסן אונדזער לאָדן, זעצן אין די טירן.

„אָטוווּזש דזשווי!“

„אָטוווּזשציע דזשווי, פּשיאַ קרעווּ! אָטוווּזש דזשווי, שטשעלאַמי, —
האָט דער לאָדן זיך געריסן פון די קריקעס
און אַלע רגע האָבן זיי געזעצט און געסטוקעט
מיט די פּריקלאַדן און מיט די בלויזע שטיקעס.

אָבער דער טאַטע האָט נישט געעפנט. ר׳איז געשטאַנען
אין מיטן קיך־שטוב, צעלאָזט די סיווע ברייטע
באָרד, ווי אַ צערייצטער לייב: „מלחמה איז מלחמה“,
האָט ער געצערנט און מיטביידע הענט — גרייטע

צו אַ געשלעג, צו דורסן. די אַלטע זאַוויסעס
פון דער גאַסנטיר האָבן זיך גענומען וויגן
און קרעכצן. נאָר דער טאַטע איז נישט געגאַן עפענען.
„מיין טויט, אָדער זייער טויט“, — האָט ער געשריגן.

מיר האָבן געציטערט און געהאַלטן די נשמה
אין די הענט. די מאַמע האָט געפּלייצט מיט טרערן:
„דוד, די ראַזבויניקעס זענען שטאַרקער; גיי אפשר
מיט גוטן, אויסקאָרנייעט זאָלן זיי ווערן!“

דער טאַטע האָט געטון אַ בורטשע און זיך אַ שערווע
דעם שטערן: „גיין מיט גוטן... איַי, הער אויף פּליטען!
פּעסיע, נעם ס׳קינד און דעק זי איין אין מיין בעט, אין ספּאַלניע,
גיכער, מירן זי מאַכן קלאָמפּערשט קראַנק, איטען“.

מ׳האָט מיר תיכף פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ נאַס האַנטעך,
אַנגעשטעלט אַרום מיר, אויף דער טאַבורעטקע,
עטלעכע אַפּטייק־פלעשלעך, באַנקעס, פּראָשקעס, וואַט, מערלע
און קעגן בעט, אויף דער צעפליקטער קושעטקע,

האָט דער טאַטע אַוועקגעזעצט די מאַמען מיט לייבן
און געהייסן, זיי זאָלן שטילערהייט וויינען.
„כ׳עפּן נישט, — האָט ער געזאָגט, — אויב די מערזאַווצעס רייסן
זיך פאָרט אַריין, איז זי קראַנק. זאָלן זיי מיינען״.

נאָך יעדן זעץ אין לאָדן איז אונדז אַרויסגעפאַלן
ס׳האַרץ און שוין געכליפּעט אויף אַ קול. דער טאַטע
איז ווידער געשטאַנען אין מיטן קיך און געהעשעט:
„ניע, כ׳גיב זיך נישט אונטער, פּליאַקעס פאַרכעוואַטע.

איך עפן נישט! — האָט ער פּעסט און בייז אַריינגעשריגן
אין די לאָדנס, — איר וועט מיין קינד נישט באַפלעקן.
איר ווילט שיסן — שיסט אייך וויפל איר ווילט, כאַליערמישיקעס,
כאַבאַי איר וועט מיך טייטן, איר וועט מיך עקן!״

„זשידזשי אָטוווזשציע דזשווי, פּשיאַ קרעוו! פּרענדזשעי,
באָ שטשעלאַמי״, —
אַז די גאַסנטיר האָט זיך גענומען ברעכן.
און דער טאַטע האָט מוראדיק געוועט: „כוליגאַנעס,
היצלעס, איר וועט מיין טאָכטער נישט פאַרשוועכן!״

„יאַקאַ צודנאַ ליאַלעטשקאַ“

פאַר טאָג איז די גאַסנטיר אַראָפּ פון די זאַוויסעס
נאָך אַ שטאַרקן זעץ אין איר און מיט אַזאַ טראַך,
אַז אַלע האָבן אויפגעציטערט. מ׳איז געווען זיכער,
אַז איבער די קעפּ איז איינגעפאַלן דער דאַך.

באַלד דערנאָך האָט זיך גענומען אַריינרוקן, פריִער
מיטן ביקס און דער שטיקע — אַ האַלערטשיק. גיך
און לאָווקע איז דער טאַטע אים געשטאַנען אַקעגן
און נישט דערלאָזט, ער זאָל איבערשפּאַנען די קיך.

„אַרויס, פאַרנעם זיך, היצל, — האָט דער טאַטע געשריגן
צו אים אויף יִדיש, — אַש און פּאָרך מאַך איך פון דיר!“
אַז דער פּאָליאַק האָט אים געטון אַ שטופּ מיטן פּריקלאַד
און אים אויף אַ רגע אָפּגעשטויסן פון טיר.

פונעם האַלערטשיקס מאָרדע האָט גערונען אַ סלינע:
„באָלשעוויקי סכאָוואַני... מויוו, גדזיע אָני, זשיד,
פּשיאַ קרעוו!“ — און ר׳האָט גענומען זיך ראַנגלען מיטן טאַטן,
וואָס האָט אים מיט אַלע כוחות פאַרשטעלט די טריט.

דער טאַטע איז אומגעפאַלן, נאָר ר׳איז גיך געקומען
צו זיך, ווען דער פּאָליאַק איז שוין געווען איין שפּאַן
פון ספּאַלניע. ער האָט געכאַפּט פון וואַנט ס׳לאַנגע האַקמעסער
און אים געסטראַשעט: „סטוי, דאָ־אַ עק איך דיך, דראַן!“

אָבער דער האַלערטשיק האָט זיך פאָרט אַריינגעריסן
אין ספּאַלניע. ער האָט געטון אַ קוק און אַ סמאָק
צו מיר מיט די ליפּן: „אָ, יאַקאַ צודנאַ ליאַלעטשקאַ“,
און זיך גענומען צעקנעפּלען דעם לאַנגן קראָק.

די מאַמוניע האָט מיט אַ קוויטש זיך אַרויפגעוואָרפן
אויף מיר און געפּלאַפּלעט: „דוד, ראַטעווע ס׳קינד!״
אַז לייבל איז מיט איין שפּרונג, עפּעס נאָר ווי אַ טיגער,
צו צום געשטופּלטן פּאָליאַק, ביי אים געשווינד

אויסגעריסן די ביקס און אַ זאָג־געטון צום טאַטן:
„לאָז אָפּ ס׳האַקמעסער. מירן אים בינדן, דעם הונט,
און אַרויסטאַסקען אויפן סאַמע טראַקט. האָב נישט מורא,
ס׳איז שוין טאָג. אַ שטריק, גיכער, דער גוי איז געזונט!״

דער האַלערטשיק האָט געשרפּעט פון רציחה, געזידלט
אויף פּוילישן לשון מיט אַ קוויטשעדיק קול
און זיך געקידעט אַקוראַטנע, ווי פּאַר כּפּרות
אַ גרויסער אָפּגעבונדענער האָן אויפן פּאָל.

„לייבל, וואַרף אַריין די ביקס אין אָפּטריט״, — האָט דער טאַטע
געזאָגט און דעם פּאָליאַק פון קיך אַרויסגעשלעפּט — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳בין געליגן אין אַ טייך שוויים און געפּילט ווייטיקן,
פּונקט ווי הייסע נאָדלען וואָלטן ס׳לייב מיינס געשטעפּט.

צו מאָרגנס

אויף מאָרגן זונטיק בין איך געליגן קראַנק. די מעשה
מיטן האַלערטשיק האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק
מער אויף דער מאַמען, ווי אויף אונדז אַלעמען. מיט טרערן
האָט זי זיך געבעטן: „דוד, לאָמיר אַוועק

פון שטוב. זיי וועלן ווידער קומען, די ראַזבויניקעס,
און זיך נוקם זיין. כ׳האָב שטאַרק מורא פאַרן קינד״.
אָבער דער טאַטע האָט געשוויגן און ס׳האָט געהייסן:
ווו גייט מען און ווו קען מען לויפן אַצינד? —

די גאַסנטיר איז געווען פעסט פאַרשטעקט מיטן פלאָקן
און אויך די לאָדנס זענען געווען צוגעמאַכט.
ווען נישט די פאַסן ליכט, וואָס האָבן דורך די שפּאַרונעס
זיך געצויגן, וואָלט מען געמיינט ס׳איז נאָך שטאָק נאַכט.

אין שטוב איז שוין נישט געבליבן קיין בראָק ברויט. די קראַמען —
פאַרהאַקט אויפן שלאָס. ס׳גאַנצע עסן איז געווען
אַ שטיקל גרינע אוגערקע, רעטעך, אַ קאַרטאָפליע.
און קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס ס׳קען נאָך געשען.

דעם טאַטן האָט געצויגן צו גיין אין קאָצקער שטיבל,
אָבער ער האָט נישט געוואָלט אונדז לאָזן אַליין.
מ׳האָט זיך גוט צוגעהערט צום גלאָק פון פּוילישן קאָשטשאָל,
וואָס יעדער קלונג איז געפאַלן פּונקט ווי אַ שטיין.

טאַקע מאָדנע, ווי אַלע זונטיק איז אויסגעקומען
דאָס קלינגען. ס׳האָט סטראַשנע געזעצט אין קאָפּ אַריין.
און די מאַמוניע, לעם קאָטעקן, האָט יעדע רגע
געטון אַ כליפּ: „קינדער, גאָט ווייסט, וואָס ס׳וועט נאָך זיין״.

„האָב נישט מורא, פּעסיע, ס׳וועט גאָרנישט זיין, — האָט דער טאַטע
זי גענומען טרייסטן, — ס׳איז זונטיק — קלינגען זיי!
אונדזער גאָט איז שטאַרקער פון זיי. און מיט זיין גרימצאָרן —
אַש און בלאָטע, פּאָרך מאַכט ער פון זיי איינס און צוויי.

און מ׳דאַרף אין ערגעץ נישט לויפן. מאָרגן איז שוין מאָנטיק.
און מאָרגן, בלי נדר, אויב אין גאַס וועט זיין שטיל,
וועל איך גיין זען דודיען, נעמען ביי אים אַ פּאָר זלאָטעס
און איינוועגס זיך דערוויסן, וואָס ס׳הערט זיך אין שיל״.

קאָטעק איז געשלאָפן און געווען איז אים ס׳פּנימל
אויסגעבלייכט, אַז די מאַמע האָט געזאָגט מיט שרעק:
„אוי, ס׳קינד האָט מיר וואַרעמקייט. מ׳דאַרף אים מאַכן אַ קליסטיר״.
דער טאַטע האָט זיך געשמירט דעם האַלדז, זיך אַ קרעק

געטון און אַ ביסל בייזלעך געזאָגט: „הער־אויף, פּעסיע,
דיר זוכן נייע צרות. קאָטעק איז נישט קראַנק!״
אין מיר האָט מען עפּעס אין שטוב געהאַט ווי פאַרגעסן
און קיינער האָט נישט געזען, נישט געפילט — אַז כ׳צאַנק.

קאַטעק מאָזלט

ערשט סוף וואָך האָט מען קוים געעפנט אַ טיר אין געסל
און מ׳האָט דערציילט, אַז אין סאַמע שטאָט, אויף פּאַרנע,
שטייען נאָך אַ סך סאָלדאַטן, וואָס מ׳וועט זיי אָפּשיקן
אַ ליאַדע שעה צום פראָנט, ערגעצוו׳ ביי סאַרנע.

מענטשן האָבן נאָך מורא געהאַט צו גיין. דער קאַזיאָני
רב שאַפּירע, האָט מען געזאָגט, האָט באַפוילן
דורך די גבאים, מ׳זאָל נישט טשעפּען די האַלערטשיקעס,
ווייל זיי זענען די העלדן פון נייעם פוילן.

ס׳איז געווען פאַרקערט. זיי האָבן געטשעפּעט די ייִדן,
און נאָך ווי געטשעפּעט! זיי האָבן געשלאָגן,
געקוילעט, געראַבעוועט און ווערדליק דעם ראַבינער
האָט מען ערשט נאָך געמוזט שווייגן, גאָרנישט זאָגן.

לייב האָט געזאָגט, אַז דער ראַבינער איז אַ פאַרקויפטע
שקורע, ער לעקט זיך אונטער צום פרישן פריץ;
סטייטש, מ׳קען אים פון זיינע פאַלשע שטיק, ווייל אַ מאַשעניק
איז ער געווען נאָך ביי פאָניען, ווו׳ אין קאָרעץ.

דער טאַטע האָט נישט געקענט סובל זיין לייבלס ווערטער
און אים געזאָגט: „ניין, אַ ייִדישע נשמה
קען מען נישט קראַצן. אל תדין, משפט נישט דיין חבר.
און איצטער איז שעת-חירום, ס׳איז מלחמה".

„טאַטע, די מלחמה איז דערווייל קעגן אונדז ייִדן.
מ׳רייסט ייִדישע בערד, מ׳שניידט זיי מיט די קינזשאַלן;
שטיקער בערד מיט שטיקער פלייש רייסט מען אויס. אַז שאַפּירע
ווייסט חלילה נישט, זאָל דיר גאָרנישט איינפאַלן".

לייב האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַן צו רב אלחננס
קאַרטע און דאָרט אַ ווײַלינקע שטיין געבליבן.
דער טאַטע האָט אָנגענומען זיין באָרד, זי געשערוועט
און טרערן זענען אים געלאָפן, ווי ביבן.

„אוי, רבונו של עולם, — האָט ער מיט צער אויסגעשפּרייט
די הענט, — טאַטע זיסער, זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען
פאַר מיינע גרויסע אָבות אויף די עלטערע יאָרן".
און טיף געצוקט האָבן זיינע גראָבע ברעמען.

ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז מ'האָט אַזשע געקענט הערן,
ווי אַ פליג פליט פאַרביי. מיט אָפענע אויגן
איז די מאַמע געליגן צוגעשפּאַרט לעם קאָטעקן,
וואָס האָט אַלע מאָל געוויינט און שווער געצויגן

דעם אָטעם. ס'קינד האָט, נעבעך, געמאָזלט. און קיין רופא
האָט מען נישט געקענט רופן. ס'איז קיין איין זלאָטע
נישט געווען אין שטוב. „זאָל ווערן רויִק, — האָט דער טאַטע
געזאָגט, — וועל איך גיין פאַרזעצן די קאַפּאָטע".

אַ ביטערער גרוס

דער טאַטע און אַ באָרד

אין אַ טריבן טאָג איז די מאַמע מיט מיר געזעסן
אויף דער פּריזבע און אויסגעקוקט דעם טאַטן.
ס'איז שוין ווידער עפּעס געשען, האָט זי געהאַט צרות,
סטייטש, דער קאַזיאָנע מאַרק איז פול מיט סאָלדאַטן.

די סומאַטאָכע איז נאָך גרויס, האָב איך זיך געבעטן,
גיי נישט אַצינד צום גבאי, אַזשע אויף גנוינע,
ערגעצוו אין אויסרייסעניש. אומעטום טשאַטעוועט
ער יידן, דער היצל, דער פּליאַקישער שונא.

„דאַכט זיך, דער טאַטע גייט דאָרטן-אָ לעם קאַצקער שטיבל״, —
האָט ראַפּטעם די מאַמע, ווי אַן אָפּגעבריטע,
זיך געטון אַ שטעל-אויף און תיכף דערנאָך יאָמערלעך
פֿאַרבראָכן מיט די הענט: „וויי איז צו מיר! איטע,

זע נאָר וואָס גייט דער טאַטע עפּעס מיט אַ טיכעלע
פֿאַרבונדן די באָרד? דוד!״ — האָט זי גענומען
שרייען פון ווייטנס און זיך געלאָזט לויפן אַקעגן
אים איידער ר'איז נאָך צו דער שטוב צוגעקומען.

אַ מינוט שפּעטער האָט די מאַמע געמאַכט אַ מינע,
ווי זי גייט חלשן. און ווען ביידע זענען
אַריינגעפאַלן אין שטוב, האָט דער טאַטע גענומען
וויינען ווי אַ קינד: „אוי, ווי ווער מען מיך דערקענען.

אַזאַ אומגליק, אַזאַ חרפּה, — זענען די טרערן
אים כסדר איבערן פּנים געלאָפן, —
זיי האָבן מיך נאָכגעיאָגט אין דער שמאָלער איליצע,
פֿאַרצעפּעוועט ווי אַ חיה און געטראָפן

פונקט ביים אַלטן פּלומפּ. ווען איינער האָט מיך צוגעהאַלטן,
האָבן נאָך צוויי מיר אָנגעהויבן אויסרייסן
די באָרד מיט שטיקער פליישׁ. און זיי האָבן געחוזקט,
געלאַכט : ‚זשידעק, איצט וועט דיר שוין מער נישט בייסן' ”.

„אויך מיט אַ קינזשאַל האָבן מיך די היצלעס געשניטן,
נאַ, זע, מ'האָט מיר דעם גאַנצן האַלדז צעקאַליטשעט ;
און אַז כ'האָב געשריגן פון גרויס יסורים, האָבן
די מערדער פון שמחה ערשט נאָך מער געריטשעט”.

דער טאַטע האָט געכליפּעט, אַז ס'האָט אַזשע באַנומען
ביים האַרצן. לייב, מיט גרויסע אויגן, אַ בלאַסער,
איז געשטאַנען ווי געליימט. די מאַמע האָט געריסן
פון אַ ציכל פּאַסן, זיי גענעצט אין וואַסער,

און וויינענדיק געזאָגט : „לאָז, דוד, כ'וועל דיר צולייגן
קאַלטע קאָמפּרעסן צום האַלדז, דערנאָך פאַרבונדן
מיט אַ רעכט ביסל אַלטע פּאָוועטיניע, זיי זאָלן,
חלילה, נישט נעמען יאַטערן, די ווונדן”.

אַ ביטערער גרוס

דאַנציע, באַסיע בעטשקעס איידעס, וואָס האָט פאַרלוירן
ערגעץ אויפן סאַרנער פראָנט דעם לינקן פוס
און זיך עפּעס זייער טאַינע געקענט דערשלאָגן
אהיים, האָט געבראַכט פון ליבערן אַ גרוס.

די מאַמע האָט זיך דאָס דערוווּסט טאַקע דורך באַסיען
אליין, וואָס וווינט פון אונדזער שטוב אַ פּאָר שפּאַן,
ווען זי איז נעכטן אין דער פרי אַריינגעקומען
באָרגן ביי אונדז די גרויסע קופּערנע פאַן.

זי האָט זיך פריִער גוט אַרומגעקוקט, די שכנה,
און געזאָגט: „פּעסיע־לעבן, ס׳איז דאָ פאַר אייך,
ס׳הייסט, פאַר אייער איטען, אַ גרוס פון ליבערן".
און זי האָט זיך בעת־מעשה געמאַכט גלייך

די פּעלעכעס, וואָס זענען איר אַראָפּגעפאַלן
איבערן פּנים. זי איז געבליבן שטיין
ביים טיר מיט אַ צערעפּעט מויל, לעקישעוואַטע
און זיך אַזוי גיך נישט געאיילט אַוועקגיין.

די מאַמוניע איז אַ ביסל צעחושט געוואָרן
פון דער נייעס, וואָס באַסיע האָט איר געבראַכט,
דאָך האָט זי, קוקנדיק אויף מיר, געזאָגט געלאַסן:
„באַסיע, מירן אפשר זיין ביי אייך פאַר נאַכט".

אָבער אַז די מאַמע האָט געזען, ווי דעם גאַנצן
פרימאָרגן גיי איך אום אומעדיק, פאַרזאָגט, —
איז זי שוין מיט מיר אַריינגעגאַן צו דער שכנה
אַ סך פריִער, ווי זי האָט געהאַט געזאָגט.

דאַנציע, וואָס איז געליגן אין קויטיקן אַלקער
און צוגעקרעכצט, האָט דערציילט, אַז אויפֿן פראַנט,
ווי ער האָט פאַרלוירן דעם פוס, האָט ער ליבערן
געזען צוויי מאָל, אָבער ער האָט נישט געקאָנט

קיין סך רעדן מיט אים. ר׳איז געווען שווער געראַניעט
און מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אין לאַזאַרעט.
אויב ער איז געזונט, וועט ער שרייבן. און אויב, חלילה,
נישט, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַן עפּאָלעט

און אַ קנאָפּ פון ליבערס שינעל. דאָ האָט זיך דאַנציע
געטון אַ קרעק: „ליבער האָט אייך שטאַרק געגריסט — —"
זיינע ברעמען האָבן געטון אַ צוק. דער מאַמעס
פּנים איז פלוצים געוואָרן שוואַרץ און וויסט.

די פיס האָבן מיר גענומען טאַמלען. דער אַלקער
האָט זיך געטון אַ דריי. כ׳האָב געפילט: כ׳פאַל, פאַל —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
די מאַמוניע האָט מיר דערנאָך געשטופּט אַ טרינקעכץ,
נאָר איך האָב געבראָכן מיט דער גרינער גאַל.

הונגער

מאָרגן אַכט טעג, אַז כ׳גיי נישט אַראָפּ פון בעט. די מאַמע
זיצט אין ווינקל און קלאָגט: „באַלד איז ערב פסח
און ס׳איז נאָך קיין סימן נישטאָ אין שטוב. מ׳וועט נישט עסן
ביי מיר קיין חמץ, זאָגט דער טאַטע, נאָר ווייסעך

וואָס ער ציעשעט מיך. ס׳וואָלט זייער שיין געפּאַסט, אַז חמץ
איז יאָ דאָ. אַ קוקורוזע־ברויט מיט זייגעכץ
קריגט מען שוין אַפילו נישט פאַר קיין געלט. אַז די גאַנצע
שטאָט איז טויט. אוים קראָמען און אוים מיטן לייזעכץ.

מענטשן פאַלן אין גאַס פון הונגער. לייבלס איידעלע
הענט דזשוויגען ברעטער אויפן טאַרטעק. דער טאַטע
ווערט אויסגעריסן אַכצן מאָל אין טאָג ביי די מלא׳ס
אויפן פעלד. און דערפון־אָ איז נאָך לעת־עתה

נישטאָ קיין ביסן ברויט. ס׳איז דאָך פּשוט שוין באַלד, נעבעך,
נישטאָ וועמען, נישט דאָ געדאַכט, צו באַגראָבן.
מ׳זעט יאָווע־יאַסנע ווי פון טאָג צו טאָג ווערט נאָך ערגער,
אוי, נאָר איין גאָט זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן״.

זי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן, אַ ליבלעכן
קוק־געטון אויף קאָטעקן, וואָס איז געליגן
אין בעטל: „ס׳מאָזלען זיינס גייט יאָקאָס בלאַגאָפּאָלוטשנע,
דאַנקען גאָט״, און אַוועקגעטריבן די פליגן

פון זיין צעפלאַמטן שטערן. זי האָט זיך צוגעשליאַפּעט
צו דער קיך און געזאָגט מיט זאָרג: „אוי, אַ ביסל
מאַנע־קאַשע ווי נעמט מען פאַר אים. שוין צוויי מעת־לעת,
אַז דאָס קינד האָט נישט געהאַט אין זיין מויל. זיסל,

האָדלס דאָרפּישע שניר, האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגען
גרויפּן, קומט זי נישט. כאַטשע נעם קריך אין סליאָטע
ביז קיין סווינעך, און מיט די ליידיקע הענט. אַז תּמיד
פעלן מיר די ניינציק גראָשן צו דער זלאָטע".

די מאַמע איז ווידער אַריין אין ספּאַלניע. איר פּנים
איז געווען אַזוי וויסט, טעמנע, אַז אַ שענער
פּנים ליגט מען, נישט דאָ געדאַכט, אַריין אין דר'ערד. יעדן
טאָג איז עס איר געוואָרן שמעלער און קלענער.

לייב איז אַריינגעפאַלן פאַרסאַפּעט און הונגעריק,
ווי אַ וואָלף. ער האָט גיך געטון אַ צעפּראַלע
ס'שאַפעלע, צוריק פאַרקלאַפּט די טירלעך און געבורטשעט:
„כ'קום אַזשע פון באַדזיאַנס טאַרטעק, פון זאַפּאַלע".

„כ'גלייב, דער טאַטע וועט ברענגען אָנגעריסענע גנילקעס
פון פעלד, אפשר אַ ברייטל, ר'וועט זיך נישט האיען, —
האָט די מאַמוניע, פון ספּאַלניע אַרויס, געטרייסט לייבן, —
וועלן מיר אַלע שוין עפּעס איבערקייען".

טיף אין וועסנע

ס'איז געווען טיף אין וועסנע. די זון האָט געשיינט, ס'געסל
אָבער האָט אויסגעזען פונקט ווי אַ פּוסטיניע.
אַלע טאָג איז געקומען אַ מאַגיסטראַצקי וואָגן
אַוועקפירן די בעבעכעס פאַר דאַנינע.

מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער, ווי פליגן.
אַ מת אין שטוב איז שוין נישט געווען קיין נייעס.
ס'איז טאַקע באַלד נישט געווען וועמען צו קענען כאַפּן
אויף אַרבעט. אַלע טאָג שלעפּן זיך לוויהס.

וואָס ס'האָט אַנומלט זיך פאַרלאָפן מיט הערצקע באַדנער
און מיט זיין ווייב סלאָווע, ווייסט דאָך ס'גאַנצע געסל:
ביידע זענען געפאַלן אין דער ברייטער איליצע,
ווען זיי האָבן אַהיימגעקאַטשעט אַ פעסל.

אין שטעטל איז אומגעגאַן אַ מגיפה. דריי קינדער
האָט מען ביי מאַנעס מלמד, אונדזער שכן,
אַוועקגעטראָגן אין איין טאָג. זיין ווייב האָט פון ווייטיק,
נעבעך, יענעם מאָרגן זיך שיִער נישט דערשטאָכן.

אין שטוב איז גאָרנישט געווען וואָס צו פאַרזעצן. אויפן
וואַנט איז נאָך געהאָנגען לייבלס מאַנדאָלינע,
און קעסטל זיין פידל, וואָס אים האָט געהאַט געשאַנקען
די רייכע טרוּוועצער מומע חיה-דינה.

לייב האָט שוין לאַנג נישט געשפּילט. אַ מאָל, אַז ר'האָט גענומען
דעם פידל אין האַנט, פלעגט זיך באַלד צונויפלויפן
ס'גאַנצע געסל הינטער אונדזערע פענצטער. „דעם פידל, —
האָט לייב געזאָגט, — וועט ער נישט לאָזן פאַרקויפן".

אָבער זינט ער גייט צום טאַרטעק, האָט ער צעהאַקטע פינגער,
די גאַנצע הענט זענען אים הוילע געשווירן.
„כ׳וועל שוין קיין מאָל נישט קענען שפּילן, — הער איך אים וויינען
שטילערהייט אַלע נאַכט, — פינגער מיט פאַכירן״.

(איך אַליין וואָלט שוין יאַקאָס אויכעט געוועזן אַ בעלן,
אַז לייב זאָל אַצינדער עפּעס נעמען שפּילן.
ס׳איז מיר עפּעס אַזוי טראָוועריק. ס׳גייט מיר באַלד איבער,
ווען ער שפּילט. כ׳הייב זיך אָן גאָר אַנדערש צו פילן.

כ׳האָב סכנות ליב טשאַיקאָווסקים פידל־סערענאַדע.
כ׳באַגים מיך אַזשע פון איר מיט הייסע טרערן.
די מאַמע טענהט, ס׳מאַכט מיר שלעכט, שוין גלייכער אַ האָפּקע, —
נאָר איך וואָלט נישט מיד געוואָרן זי צו הערן).

און אַז לייבל וויינט שוין, דאַרף עס אים גוט וויי־טון, נעבעך,
ווייל פון דער נאַטור קען ער אַ סך פאַרטראָגן.
אָבער מיר רייסט אוים אויף אים דאָס האַרץ. און פון זיין וויינען
שלאָף איך נישט, ביז ר׳גייט אַוועק אין די פאַרטאָגן.

עפּלביימער

אויבן, אין קיך־פענצטערל, נאָענט פונעם פּעקעליק,
האָבן גענומען אַריינקוקן, זיך שפּאַרן
צו די שייבלעך די עטלעכע אויבסט־ביימער פון גלחס
סאַד מיט די האַלב־פאַרטיקע עפּל און באַרן.

דער סאַד איז טאַקע געווען אַ קליינער, בלויז געציילטע
פּרוכט־ביימער, אָבער געוואַקסן האָבן דאָרטן
אַנטאָנעווקעס, רינעטן, קוואַסניצעס, פּאַפּירוווקעס,
נאָר די באַרן עפּעס נישט פון קיין סך סאָרטן.

בלויז אָנצוקוקן די עפּל איז אויסגעגאַן ס׳חיות.
מיר האָט זיך אָפט געדאַכט, אַז כ׳דאַרף נאָר אויסשטרעקן
די האַנט, וועל איך צו זיי דערלאַנגען. אָדער אָפּקלאַפּן
און אויפכאַפּן זיי מיט אַ שפּיציקן שטעקן.

אָבער זינט איך געדענק, זענען די פאַרקיטעוועטע
שייבלעך אַפילו זומער נישט געווען אָפן;
ווייל לייב, וואָס האָט לעם פּעקעליק געהאַט זיין געלעגער,
פלעגט שרייען, ער ווערט דערשטיקט און קען נישט שלאָפן.

די רינעטן האָבן מיך אַזוי גערייצט, געצויגן,
אַז כ׳בין אַפילו געווען גרייט אויפצוברעכן
איינס פון די שייבלעך, פאַרשניצן די לאַנגע קאָציבע
און אַן עפּל נאָך עפּל אויף איר אויפשטעכן.

כ׳וואָלט זיי געגיבן דער מאַמען, זאָל זי זיי אָפּבראָטן
און זאָל מען זיך אונטערלעגען ס׳האַרץ, דערקוויקן,
ווען דער הונגער הייבט אָן שרעקלעך צו דרייען די קישקעס
און פון אַלע זייטן צו דריקן און שטיקן.

(דער טאַטע האָט שוין פֿון פֿעלד מער נישט געבראַכט די גנילקעס,
זיי האָבן זיך אויסגעלאָזט. סך־הכל זענען
דאָ דאָרט, האָט ער געזאָגט, דריי ביימלעך. זיי שטייען צווישן
די טאַפּאָלעס און ס׳איז זיי שווער צו דערקענען.

אָך, ביז מיר האָבן זיך געדרעשעט עסן די גנילקעס,
וואָס וואַקסן דאָרט אַרום פֿון די קבֿרים. קיינער
פֿון שטוב האָט זיי נישט געוואָלט נעמען צום מויל. און טאַקע,
ווי עסט מען עפּעס באַרלעך פֿון טויטע ביינער? —

דער טאַטע האָט געטענהט, אַז סטייטש, בערקע באַגרעבער
עסט זיי שוין יאָרן און זיי קענען נישט שאַטן.
און כאָטשע אַלע טאָג האָט מען געחלשט פֿון הונגער,
האָט מען נישט געוואָלט זאַרעז פֿאָלגן דעם טאַטן).

איז קוק איך אַזוי אויף די עפּל און ווי אַ כּישוף
ציט עס מיך אין גלחס סאָד. ווען כ׳וואָלט עס זאָגן
דעם טאַטן אַשטייגער, ווער ווייסט וואָס ר׳וואָלט געטון. מיגלעך
אַפֿילו, ער וואָלט מיך געסטראַשעט צו שלאָגן.

אַ ברויט

די טיר האָט זיך געעפֿנט און ס׳האָט אַריינגעהאַצקעט
איבערן שוועל אַ קרומער ייִד אויף אַ שטעקן
און מיט אַ זאַק. דער ייִד האָט געהאַט אַ שיינע סיווע
באָרד און זי איז זיך צעגאַן אין צוויי לאַנגע עקן.

ס׳איז געווען פֿאַרנאַכט און מ׳האָט נישט געהערט, ער זאָל זאָגן
גוטנאָוונט. אַראָפּגענומען דעם נישט שווערן
זאַק, האָט ער זיך געזעצט און מיט אַ גרינער פֿאַטשיילע
זיך גוט אָרומגעווישט דעם פֿאַרשוויצטן שטערן.

נישט דער טאַטע, נישט לייב זענען געווען, בלויז די מאַמע
און איך. קאַטעקל איז שוין געהאַט געליגן
אין בעטל. כ׳האָב געזען, די מאַמע איז דערשטוינט, אָבער
זי איז געבליבן שטיין לעם קיך-טיש, געשוויגן

און זיך צוגעקוקט, ווי דער פֿרעמדער קרומער ייִד באַרבלט
זיך מיט די הענט אין זאַק. דערנאָכדעם, פּאַמעלעך,
נעמט ער אַרויס, וויקלט-אָפּ פֿון עטלעכע קרויטבלעטער,
אַ ברויך-אויסגעבאַקן לעבל ברויט און פֿריילעך

לייגט ער עס אַוועק און רוקט עס אונטער צו דער מאַמען.
ר׳האָט עפּעס געזאָגט, נאָר מ׳האָט נישט גוט פֿאַרשטאַנען
וואָס. די מאַמע האָט צעעפֿנט אַ פּאָר גרויסע אויגן,
ווי מ׳דערזעט אַ בריליאַנט. נאָר זי איז געשטאַנען

און זיך נישט גערירט פֿונעם אָרט. צוויי לויטערע טרערן,
טאַקע ווי בריליאַנטן, האָבן פֿון די אויגן
אירע גענומען זיך אַראָפּקייקלען צו די ליפּן.
דערנאָכדעם האָט זי זיך ליבלעך צוגעבויגן

צום פרעמדן ייִדן און געפרעגט: „איז זאָגטזשע מיר, פעטער,
קען איך אפשר וויסן ווער איר זענט, פון וואַנען
קומט איר, אַ?" — האָט דער ייִד אַ גלעט-געטון די באָרד, עפּעס
געזאָגט, אָבער מ'האָט ווידער גאָרנישט פאַרשטאַנען.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט דער ייִד זיך אויפגעהויבן:
„כ'קום פון כאַפּאַליטש; אָבער האָט נישט פאַראיבל, —
האָט ער שוין קלאָר געזאָגט, גענומען דעם זאַק, דעם שטעקן, —
כ'וועל אַריינגיין צו מעריב אין קאַצקער שטיבל".

די מאַמע האָט שטאַרק געדאַנקט פאַרן ברויט און געבעטן
דעם ייִדן, ר'זאָל שפּעטער ווידער אַריינקומען.
נאָר ר'איז נישט געקומען. „יאָ, דאָס איז געווען ליאַנעווע
אַליין", — האָט זי געזאָגט, ווען זי האָט גענומען

אויסדערציילן דעם טאַטן די מעשה מיטן ייִדן.
„זעסטו שוין, השם-יתברך טוט נישט פאַרגעסן
אין אונדז, — האָט דער טאַטע געשאָקלט מיטן קאָפּ, — פּעסיע,
שנייד-אָן רעפטלעך און זאָלן די קינדער עסן".

ב ע נ ק ע נ י ש

פון בענקעניש צו ליבערן איז פון מיר געפאַלן
שטיקער פלייש. נישטאָ קיין איינגעטונקענע פּען,
נישט קיין גרוס אַפילו. די מאַמע האָט מיך גענומען
טרייסטן, אַז מסתמא געפינט ער זיך אין פלען.

מיר אָבער האָט ס׳האַרץ געזאָגט עפּעס אַנדערש. און שלעכטע
געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן אַלע נאַכט
מיך צו פייניקן. אויפן געלעגער, מ׳זאָל נישט הערן,
האָב איך ביטער געוויינט, קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַן טעג. געקלאָגט, געיאָמערט
און ס׳איז פון מיר געוואָרן אַ העלפט, אַ טיל-תל.
כ׳האָב שוין כמעט נישט קיין כוח צו גיין און שטיין. ס׳פנים
איז מיר געוואָרן שאַרף פונקט ווי אַ שפּאָן און געל.

נישט איין מאָל, טאַקע ביי נאַכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן,
אַז אין אַ טיפן און געדיכטן וואַלד, ווייט-ווייט,
זע איך אַ טשאַטשע וועלף רייסן פון ליבערן שטיקער
לייב. קיינער איז נישטאָ אים צו העלפן. ער שרייט

און שרייט, נעבעך, פון יסורים ביז ער פאַלט אַנידער
און גייט אויס. אָן אַנדערש מאָל, און ווי אויף דער וואָר,
זע איך מ׳טראָגט אים אויף אַ מיטה און די מאַמע זיינע,
ראָסיע, שלעפּט זיך נאָך און רייסט זיך אויס אירע האָר.

אוי, ווי ס׳פאַלט מיר איין ס׳האַרץ און די אַנגסטן, וואָס באַשלאָגן
מיך פון בענקעניש, פון פלאָטערניש און פון שרעק,
אַז ליבער וועט מער נישט קומען; ווען מיט צוגעמאַכטע
אויגן כ׳זע יאַסנע, ווי כ׳כאַפּט אים פון מיר אַוועק.

כ׳האָב שוין נישט קיין כוח צו וויינען. און די מאַמוניע
האַלט מיך טאָג און נאַכט אין איין טרייסטן. נו, וואָס דען
זאָל זי טון, אַ? דאַרויף איז זי דאָך אַ מאַמע. אָבער
זי ווייסט שוין אויכעט, אַז ליבער איז נישט אין פּלען,

נאָר זי באַהאַלט עס אוים. ווען איך וואָלט געווען אַ מאַמע,
וואָלט איך מסתמא געטון ווי זי. נאָר מיר זאָגט
ס׳האַרץ גאָר שרעקלעכע זאַכן פון ליבערן. און טאַקע
דערפאַר נאָגט עס מיר אַזוי סכנות און קלאָגט.

ליבערס מאַמע ליגט אין בעט און צאַנקט, נעבעך, אוים פון צרות.
נישטאָ וועמען צו פרעגן, נישטאָ ווו צו גיין.
ביים קאַזיאָנע רב ענטפערט מען, מ׳ווייסט גאָרנישט. און אפשר
ווייסט מען דאָרט יאָ, איז גיי ריים יענעם אויף די ציין.

מאַמע, אויב כ׳וועל נישט משוגע ווערן, וועל איך זיין שטאַרקער
פון אייזן. אָבער פריִער וועט מיר פּלאַצן ס׳האַרץ.
אוי, פאַר וואָס קלעמט עס מיר אַזוי דאַ־אָ, ביי די בריסטן,
און פאַר וואָס איז מיר פאַר די אויגן אַזוי שוואַרץ? —

אין גלחס סאַד

בלויז פּאָר קאַטעקן האָב איך עס געטון. מיין ברודערל
איז אָפּגעליגן גאַנצע טעג און מעת-לעתן
אין זיין בעטל און איז, נעבעך, אויסגעגאַן פון הונגער.
ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס אים גיבן צו עסן.

אַ פּיצל, און ר׳האָט שוין געקרעכצט, ווי אַ גרויסער. ס׳ערשטע
מאָל, אַז כ׳הער אַ קינד קרעכצן. ס׳האָט מיר באַנומען
ביים האַרץ ווען כ׳פלעג זען, ווי האַלב-פאַרחלשט, מיטן צינגל
ער באַלעקט זיך די בלייכע ליפּן, דעם גומען.

איז האָב איך מיך אַ פּאָר נאַכט, אָן דער מאַמוניעס וויסן,
אַריינגעכאַפּט דורך אַן אויפגעבראָכן אָפּן
שטאַכעטל פונעם פּאַרקן אין גלחס סאַד. ס׳איז געווען
שטיל, קיינער האָט מיך נישט געזען, נישט געטראָפן.

קוים-קוים וויגן זיך די ביימער. פון די פייכטע גראָזן
האָבן אַרויסגעקוקט קופּקעס פוילע עפּל —
פּאַדעניצעס; האָב איך זיי גיך גענומען אָנלייגן
אין אַן אָפּגענוצט וויעטשניפּאַסודנע טעפּל.

ס׳איז מיר אַזשע געוואָרן הײַליק אין די ציין. אָבער
כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן, מחמת צייט און מורא,
אַ ביים-טון אַן עפּל. ווייל טאַמער, האָב איך כסדר
געציטערט, ווערט עמיצער דערפון געוווירע,

בין איך אַ פּאַרפאַלענע. דער גלח האָט צוויי גרויסע
הינט, וואָס קענען צערייסן אַ מענטשן. שיסן
קען ער אויכעט, ר׳האָט אַ דובלטווקע. ערשט די מאַמע
מיטן טאַטן, אַז זיי וועלן זיך דערוויסן? —

כ׳האָב וואָס־גיכער אָפּגעקליבן די בעסערע עפּל
און ס׳האָט מיך אָנגעהויבן אַ ביסל אַרן,
פֿאַר וואָס האָב איך נישט מיטגעבראַכט נאָך עפּעס אַ כּלי,
וואָלט איך אויכעט גענומען עטלעכע באַרן.

טייל פּאַרטיקע עפּל זענען מיר פֿראַמע געהאָנגען
אויפֿן קאָפּ און אַזוי גֿעשמעקט, ווי פֿערפֿומען.
כ׳האָב אויף זיי נאָר געכאַפּט אַ גיכן זשעדנעם קוק, אָבער
קיין איינציקן נישט אָנגערירט, נישט גענומען.

אָנגעפּאַקט ס׳טעפּל מיט אַ ווערך און מיט אַ פֿאַרטעכל
גוט אַרומגעדעקט, האָב איך זיך אויפֿגעהויבן
אַרויסצוגיין פֿון סאַד. כ׳קוק מיך אַרום — ס׳איז טונקל
און ווי־נישט־ווו בלישטשעט שוין ליכט אין די שויבן.

פּלוצים דערהער איך שאָרכען אין די גראָזן. און תיכּף
דערפֿיל איך — הינט. ס׳האָט אין מיר גענומען קלאַפּן
ס׳האַרץ, ווי ביי אַ גזלן. כ׳לויף אָן אָטעם צום שטאַכעטל,
פֿינצטער — און כ׳קען עס אַזוי גיך נישט דערטאַפּן.

הינט און שרעק

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן: גוואַלד, ווו איז ערגעץ
דאָס שטאַכעטל, האָט מען עס שוין צוגעשלאָגן?
ווי אַזוי? קיינער איז דאָך דאָ נישט געווען. ניין, נישט מיגלעך.
און די הינט — אָט־אָט וועלן זיי מיך דעריאָגן.

מאַמע, וואָס טוט מען, העלף מיר! און כ׳האָב מיט אַלע כוחות
אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין פּאַרקן, רייסן
די שטאַכעטן. הינטער מיר הער איך ס׳בייזע האַווקעניש
פון די כלבים און אָט נעמען זיי מיך בייסן.

כ׳האָב אָפּגעלאָזט ס׳טעפּל מיט די עפּל. אַרויפדראַפּען
זיך אויף אַ בוים, צי פּרוּוון אַריבערקריכן
דעם פּלויט? — כ׳האָב פאַרהויבן ס׳קליידל, געשטעלט אַ פוס, אָבער
אַז פּלוצים האָב איך דערפילט איןביידע דיכן

אַ שאַרפן ווייטיק, ווי מ׳זאָל דאָרט שטעכן מיט אַ מעסער
און דער גאַנצער קאָפּ דרייט זיך מיר, ווי אויף שרויפן.
כ׳בין אַוועק פון פּלויט און צווישן די געדיכטע ביימער,
פאַרצאַפּלט און אָן אָטעם, גענומען לויפן

צום ליכט, וואָס פון ווייטן האָט עס געבלישטשעט פון גלחס
אַלטן דוואָר: זאָל ער מיך נעמען און דערשיסן!
כ׳וועל אים דערציילן דעם גאַנצן אמת און אים זאָגן,
אַז ביי אונדז אין שטוב איז שוין וואָכן קיין ביסן

ברויט נישטאָ. קיין קרישקע נישט אַפילו. אַז קאַטעקל,
נעבעך, שטאַרבט פון הונגער און זאָל ער מיך שיסן — — —
געלאָפן מיט אַזעלכע געדאַנקען, אַז פּיוווטורניע
טוט אַ בליץ, אַ דונער און ס׳הייבט אָן צו גיסן

און כליאַפּען אַ גאָסרעגן, טאַקע נאָר ווי אַ מבול.
איך באַהאַלט מיך אונטער אַ גרויסן בוים און ס׳טוט יעדער
דונער, אַז ס׳באַפאַלט מיך אַזשע אַ פּחד. ווי עפּעס
איבער מיין קאָפּ טראַסקען פייערדיקע רעדער.

ווּ זענען די הינט? נישטאָ! זענען ערגעץ אַנטלאָפן,
זעט אויס, פאַרן רעגן. אָבער כ׳שטיי און ציטער.
כ׳וועל מיך נאָך, חלילה, פאַרקילן. ווערן קראַנק. אָבער
ווי גייט מען פאָרט אַרויס פון סאָד — פון געוויטער? —

ס׳האָט געטון אַ שטאַרקער בליץ און כ׳האָב דערזען פון ווייטנס
דעם שפּאַלט פון אָפענעם שטאַכעטל. מיט טרערן
אין די אויגן, אויסגעווייקט ווי אַ הון, כ׳האָב פאַמעלעך
זיך צוגעראַטשקעוועט אַהין מ׳זאָל נישט הערן

און אַרויס פון סאָד. אויפן וועג האָב איך בלויז איין עפּל,
גראָד אַ גרויסן, פאַר קאַטעקן אָפּגעריסן.
פיטש־נאַס, נישט טויט, נישט לעבעדיק, בין איך אין דער פינצטער
אַריין אין שטוב און געהאַלטן אין איין ניסן.

שטראָפּרייד

וואָס ס׳האָט זיך צו מאַרגנס אָפּגעטון אין שטוב! דער טאַטע
האָט מיך געסטראַשעט, אָט־אָט נעמט ער מיך שלאָגן:
„אַ מיידל אַליין וועדט עס פּלוצים ערגעץ פאַרפאַלן
און נאָך ביי נאַכט, וואָס וועלן די שכנים זאָגן?״ —

די מאַמע ווידער, געזען איך נים, האָט מיר געגיבן
איר אַלטע בעזרענקאַוויק: „טו־אָן, פאַרקילן
זיך, נאָך דאָס האָט מיר אַצינדער געפעלט! מיטן רעגן,
זאָג איך דיר תמיד איז אָפּאַסנע זיך צו שפּילן״.

אָבער כ׳האָב נאָך נישקשה אָפּגעשניטן. דער טאַטע
האָט זיך טאַקע שטאַרק געבייזערט און געשריגן,
דאָך האָט ער אַלץ נישט געוווסט ווו כ׳בין געווען. די מאַמע
האָט זיך געמאַכט כלא־ידעה און צוגעשוויגן.

ערשט ווען ער איז אַרויסגעגאַן פון שטוב, האָט די מאַמע
מיך גענומען צום פּסוק: „סטייטש, גיין איינשטעלן
ס׳לעבן מיטן געזונט צו גנבענען אַ פּאָר עפּל
און ווען? אויף דער נאַכט, ווי קאָן עס מיר געפעלן?

און ווען מ׳כאַפּט דיך און מ׳קלאַפּט דיר, חלילה, אָפּ די לונגען,
אָדער די ווילדע הינט רייסן דיר אוים שטיקער
פים? צי ס׳פּאַקט דיך טאַקע דעם גלחס סטאַריזש, האָווריליע,
וואָס שלייעט זיך אום אַ גאַנצן טאָג לוט שיכור?״ —

דער מאַמעס רייד זענען מיר געווען אַ ביסל פריקרע,
כאָטשע זי איז געווען כשר גערעכט. זאָגן
איר וואָס ס׳טוט זיך אַלץ אָפּ ביי מיר אין האַרץ, האָב איך עפּעס
נישט געקענט. האָב איך געפילט, אַז ס׳נעמען קלאָגן

אין מיר אַלע אברים און בין טאָקע צוגעפאַלן
מיטן קאָפּ אין איר שויס און גענומען וויינען,
ווי אַ קליין קינד. „נו, הער שוין אויף, — האָט זי מיך געטאָרקעט, —
אַז מ׳קוילעט דיך, וועלן די שכנים נאָך מיינען״.

זי האָט מיר אַ טאַפּ־געטון דעם שטערן: „דו פלאַמסט, איטע,
האָסט דאָך היץ, אַ וויטיק איז מיר! פּילסטו נישט, ס׳שטעכן
דיר די זייטן? נעם לייג דיך, כ׳וועל דיר מאַכן צו טרינקען.
אוי, טאַטעניו זיסער, אַז שטעכן און ברעכן

זאָל עס ביי מיינע שונאים, נישט ביי מיר!״ — און די מאַמע
האָט זיך אַ הייב אויף געטון פון דער קושעטקע,
אַריין אין קיך און גענומען זוכן אין שאַפקעלע
די ציקאָריע. „דערלאַנג מיר די טאַבורעטקע,

כ׳וועל פּרוּוון אַ קוק־טון, צי כאָטשע אין די אייבערשטע
פּאָליצעס איז פאַרבליבן מיט וואָס צו קענען
פאַרפאַרען ס׳ביסל אָקריפּ. אַז נישט, איז אַן עבֵרה
ס׳לעצטע טרוקענע דרעווקעלע אויסצוברענען״.

איך ווער קראַנק

ס׳האָט מיך געדראָזשטשעט, שטאַרק געגאָסן, נאָר פאַרן לייגן
זיך האָב איך קאָטעקלען דערלאַנגט צום בעטל
דעם איינציקן אָפּגעריסענעם פאַרטיקן עפּל,
וואָס האָט נאָך ביים שטעקל געהאַט אַ גרין בלעטל.

קאָטעק האָט עס אַ כאַפּ־געטון דעם רינעט מיטביידע
בלייכינקע הענטלעך, ווי ס׳זאָל אים פּלוצים האָבן
אַראָפּגעפאַלן אַ מתנה גלייך פונעם הימל.
„איטע, מ׳וואָלט אים גערדאַרפט נעמען און אָפּשאָבן,

שטיקער וועט אים זיין שווער צו פאַרדייען, — האָט די מאַמע
געזאָגט, — ס׳קען אים נאָך, חלילה, בלייבן שטעקן
אַ ליסקע אין העלדזל". אָבער קאָטעק האָט באַין־אופן
נישט געלאָזט. ר׳האָט גענומען דעם עפּל שמעקן

און ארומלעקן אַזוי זשעדנע, אַז זיינע אייגלעך
האָבן אין בלאָווע פייערלעך אויפגעפלאַקערט.
נאָר זיין שמחה האָב איך צו לאַנג נישט געקענט צוקוקן.
דער קאָפּ האָט מיר געזעצט, ווי מ׳וואָלט אים מיר צעאַקערט

פון אַלע זייטן. די מאַמוניע האָט מיך געטריבן
צום בעט און כ׳האָב טאַקע מער נישט געקענט בלייבן
שטיין אויף די פיס — אַט פאַל איך. זי איז דערווייל געלאָפן
ערגעץ באָרגן טערפּענטין מיר אויסצורייבן

די פּלייצעס, וואָס האָבן מיר געבראָכן און געשטאָכן
אַקוראַטנע ווי מיט נאָדלען. אין די אויערן —
אַ קלינגעניש פון גלעקער און ביז אַרויף די לידקעס —
ווי כ׳זאָל עס שטיין נאַקעט אויפן פראָסט — געפרוירן!

כ׳האָב זיך קוים פאַרשלעפּט אין ספּאַלניע און אַריינגעפאַלן
אין בעט מיטן אָנטון. כ׳האָב נישט געקענט רירן
מיט קיין אבר. פאַר די אויגן זענען מיר געפלויגן
שטיקער פייער. כ׳פיל — ס׳ברענען מיר די געהירן.

פּלוצים, ווי עפּעס דורך אַ געדיכטער שוואַרצער כמאַרע,
האָב איך לעם בעט דערזען לייבן. ר׳האָט געשריגן
צו מיר, מיך געטרעסעט, מיר אויפגעריסן די אויגן
און, זעט אוים, אַז ווען כ׳בין אַלץ געבליבן ליגן,

ווי פריִער, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד און די שכנים
זענען זיך צונויפגעלאָפן. ווייל אַ ביסל
שפּעטער האָב איך געזען שטיין אַרום בעט אַ סך מענטשן,
צווישן זיי — די מאַמוניע, און פון אַ שיסל

האָט מען אויף מיר געשפּריצט קאַלטע וואַסער. די מאַמוניע,
האָב איך געהערט, וויינט שטאַרק און אַז אירע פינגער
קנאַקן ווי דאַרע צווייגן: „גאָט, האָב אויף מיר רחמנות — — — —
זאָג מיר, קינד מיינס, איז דיר אַ קאַפּיטשקע גרינגער?״ —

לייבס פידל

כ׳בין געליגן מיט אַ שטאַרקן בראָנכיט און געפּלאָקערט
אין היץ ווי אַ טרוקענער שפּאָן. קוים מיט צרות
האָט עס דער טאַטע אויסגעפּועלט ביי סראַליע דעם רופא
ר׳זאָל אַריינקומען מיך באַטראַכטן. כ׳פאַרשפּאָר עס

צו זאָגן, אַז אין שטוב איז נישט געווען קיין אײן גראָשן
מיט וואָס צו קענען גיין אין אַפּטייקל קויפן
דעם צאָט מיט די רפואות, וואָס ער האָט עס אַלץ פאַרשריבן.
דער טאַטע איז געווען פּיקס און פאַרטיק לויפן

צום גבאי כאַפּן ביי אים אַ פּאָר זלאָטעס. די מאַמע
אָבער האָט געוויינט, זי וויל זיך נישט פאַרבאָרגן
און פאַרשולדיקן ביי קיינעם. גאָט וועט איר שוין מוזן
העלפן אָנעם גבאי, ווייל „באָרגן מאַכט זאָרגן״.

אָבער אַז ס׳זענען אַוועקגעגאַן אַ צוויי דריי מעת-לעת
און די הילף פון גאָט איז נאָך אַלץ נישט געקומען,
האָט זי עטלעכע מאָל געטון אַ באַקוק לייבס פידל,
וואָס איז געליגן אין קעסטל, אים גענומען

אין האַנט, געגלעט פונקט ווי אַ קינד, און מיט אַ צעבראָכן
קול, דורכגעווייקט מיט אַ סך ווייטיק און טרערן,
געזאָגט צו לייבן: „נעם דעם פידל און העלף דיין שוועסטער,
וואָס וועט ער דאָ ליגן און פאַרסאַכניעט ווערן? —

נישט פאַרקויפן, ניין! פאַרזעץ אים ביי נוסקיע דעם קלעזמער
פאַר עטלעכע זלאָטעס. אַז נישט וועל איך נעמען
און אַוועקטראָגן מיין חתונה-רינגל. ראַטעווען
אַ טאָכטער איז גאָרנישטאָ וואָס זיך צו שעמען״.

לייב האָט דער מאַמען גאָרנישט געענטפערט. ר׳איז געזעסן
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשוויגן פאַרביטערט
און נאָר די צוויי ווערטער „מיין פידל, מיין פידל" האָבן
אַלע מאָל אויף זיינע ליפּן אויפגעציטערט.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט: „מיט פּיקוח־נפש
שפּילט מען זיך נישט, פּעסיע! כ׳לויף זאָרעז צום גבאי,
כ׳בין זיכער, ר׳וועט מיר נישט אָפּזאָגן. און אויב לייב ווידער
וויל פאַרזעצן זיין פידל — איז אַדרבא!"

לייבל האָט מיט אַ שטיק פון זיין האַרץ געטון אַ כליפּע
און געזאָגט: „מאַמע, נאָך היינט וועל איך צוטראָגן
דעם פידל צו נוסקיען דעם קלעזמער, אַבי ספּאָקאָיע
זיך און הער אויף, בעט איך דיך, אַזוי צו קלאָגן".

ס׳איז אַ רגע געוואָרן שטיל. די מאַמע האָט ווידער
גענומען וויינען. מיט געשוואָלענע אויגן
האָט לייב אַ כאַפּ־געטון דעם פידל אונטער דער פּאָלע
און אַרויס פון קיך־שטוב, ווי אַ פייל פון בויגן.

קום צו מיר

דעם רבס פּאַפּירל

נאָך די אייגענע נאַכט האָט לייבל דערלאַנגט דער מאַמען
די עטלעכע זלאָטעס, וואָס ער האָט געקריגן
ביי נוסקיען, זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ טעמנע פּנים
אויף דער אַלטער קושעטקע און לאַנג געשוויגן.

די מאַמע, איינגעבונדן ס׳געלט אין קאַטעקס אַ זעקל,
האָט געזאָגט האַלב צו מיר, האַלב צו לייבן: „מאָרגן,
בלי נדר, אין דער פרי גיי איך אַריין אין אַפּטייקל.
זאָל זיין פון נוסקיען, אַבי נישט דאַרפן באָרגן".

אין אַ מינוט אַרום איז זי צוגעגאַן צו לייבן:
„קוק נאָר אָן ס׳פּנים דיינס. נו־נו, האָב נישט מורא,
דער פידל וועט נישט גיין פאַרפאַלן, מעג ער אַפילו
זיין ביי נוסקיע קלעזמער, ביי יענע שטיקל סחורה".

נאָר לייב האָט זיך געטון אַ דריי און עפּעס דער מאַמען
אַריינגעשושקעט אין אויער, אַז די מאַמע
איז דערפון פּלוצים געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט,
מיינע שונאים, און דאָס פּנים אירס איז פראַמע

געוואָרן וויים ווי אַ שטיק קרייד. זי האָט גיך געגיבן
זיך אַ קנייפּ־אוים די איינגעפאַלענע באַקן
און פאַרבראָכן די הענט. מיר איז דורך דורכן קאָפּ — ליבער —
און געפּילט, אַז ס׳בלוט מיינס ווערט אין מיר פאַרבאַקן.

אין דעם קומט אַריין דער טאַטע. פאַרשטאַנען די סצענע,
האָט ער זיך אַ רגע צוגעזעצט, געשוויגן,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. דערנאָכדעם זיך צוגעבויגן
צו דער מאַמען: „אמת, פּעסיע, נישט קיין ליגן".

ר׳האָט איר דערלאַנגט פֿון קעשענע אַ לענגלעך פּאַפּירל
און שטיל געזאָגט, כ׳זאָל קלאַמפּערשט נישט קענען הערן:
„פֿון קאַזיאָני ראַבינער, מ׳זאָל זאָגן נאָך אים קדיש — —"
אַז די מאַמע האָט אַ גאָס־געטון מיט טרערן

און אָוועקגעפֿאַלן פּונקט ווי זי זאָל גיין חלשן.
דער טאַטע האָט זי געמונטערט און געצויגן
ביי די האָר. אַרום מיר איז פּלוצים אַלץ שוואַרץ געוואָרן.
אַ פֿינצטערניש איז מיר אַריין אין די אויגן.

כ׳האָב געפֿילט לייבן שטיין ביים קאָפּנשטיק פֿון בעט, טאַרקעט
מיך, רעדט צו מיר, נאָר כ׳האָב מיך נישט געקענט רירן,
ווי ס׳וואָלט פֿון מיר ראַפּטאָווגע האָבן געוואָרן עפּעס
איין גרוים שטיק ליים. ער האָט לייכט געגומען פֿירן

זיינע פֿינגער איבער מיין שטערן, מיך געקושט: „איטע,
שטאַרק דיך! זאָג מיר, זאָל איך דיר עפּעס דערלאַנגען?" —
כ׳האָב נישט געקענט ענטפֿערן. און ס׳פֿינצטערניש אין מיינע
אויגן איז ווי אַ שוואַרצער וואָלקן געהאַנגען.

ראָסיע ווײַנט

די אַלע פלעשלעך און שמירעכצן, וואָס די מאַמע
האָט עס אָנגעקויפט, די באַנקעס און קאָמפּרעסן
האָבן גאָרנישט געהאָלפן. כ׳בין געוואָרן אַלץ שוואַכער
און שלאַבעריקער דורך די טעג און מעת-לעתן,

וואָס כ׳בין געליגן אין בעט. כ׳האָב אַפילו אין גאַנצן
געהאַט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צו נעמען
אין מויל אַריין ס׳קאָפּ בידנע עסן, וואָס די מאַמוניע,
אַ פאַרזאָרגטע, נעבעך, פלעגט זיך שוין נישט שעמען,

אַריינצוברענגען פון דער שוחטקע. די שרעקלעכע
בשורה האָט מיך פשוט אונטערגעשניטן,
ווי מיט אַ זעג. ערשט טאָקע נעכטן ביי נאַכט איז ראָסיע,
ליבערס מאַמע, געווען ביי אונדז. כ׳האָב געליטן

ביז אויסצוגיין פון איר געוויין: „מיין אוצר, מיין איינציק
אויג אין קאָפּ! וויי, ווי קען מען עס איבערטראָגן!
ליבער, האָב איך געוואָרט, וועט זיין מיין קדיש. אַצינדער,
אַ בראָך צו מיר, דאַרף מען נאָך אים קדיש זאָגן״.

זי האָט זיך געהאַקט אין קאָפּ אַריין מיט די קיליקעס
און אירע קולות האָבן געקענט אויפוועקן
אַ טויטן. זי איז איינגעפאַלן, מ׳האָט זי געמונטערט
מיט חלשות-טראָפּן, זי זאָל זיך נישט עקן.

דערנאָכדעם האָט די מאַמע ראָסיען געטרייסט, געציִעשעט,
איר געגיבן טיי צו באַנעצן דעם גומען;
און מיט גרויסע בלאָווע רעדער אונטער די אויגן,
צעבראָכן ווי אַ טאָפּ, זי אַהיימגענומען.

יענע נאַכט האָב איך ביי זיך שוין געהאַט אָפּגערעשעט
זיך אַ מעשה אָנטון. נעמען אַרויסשפּרונגען
דורכן פענצטער, צי אַריינוואַרפן זיך אין דער ריקע
און מאַכן אַ סוף צום בראַנכיט מיט די לונגען.

מיין לעבן איז שוין סיי ווי קיין לעבן נישט, אַז ליבער,
מיין ליכטיקע וועלט, מיין האַרץ און מיין נשמה,
ליגט און פוילט יונגערהייט אין גרוב. נו, האַלט איך נאָך אָפן
די אויגן צו דער שיין, איז דאָס אַ נחמה? —

אוי, משוגע צו ווערן איז ווייניק. נאָר זיך אַ מעשה
אָנטון. ס'בענקעניש אַליין וועט מיך אויפעסן,
ווי זשאַווער מיט די פאַטרעכעס. ווי קען איך ליבערן,
מיין ליבערן אַזוי איינס און צוויי פאַרגעסן? — — — —

ביז פאַר טאָג, ווען דער טאַטע האָט זיך גענומען פאַרען
ביים אויפשטיין אַוועקצוגיין, בין איך געליגן
אין ווייטיק, צעהאַקט ווי אויף אַ פישברעטל, יעדער
אבר מיינער האָט געצאַנקט, געוויינט, געשריגן.

„ליבער לעבט נישט...“

„ליבער לעבט נישט, ער וועט נישט קומען“, — האָט מיר כסדר
געקלונגען אין די אויערן, ווי מיט גרויסע
שווערע גלעקער — „דיין ליבער לעבט נישט, לעבט נישט,
דיין ליבער — —“
און כ׳האָב געפילט — האַדיע, כ׳לאָז מיך אויס, איך גוסס.

די מאַמע, איינגעקאָרטשעט אין דרייען, איז געזעסן
אויף מיין בעט און טרערן זענען איר געלאָפן
אויפן פּנים: „וואָס האָב איך חוטא געווען, גאָטעניו,
דו זאָלסט מיך אַזוי ביטער און טעמנע שטראָפן? —

נאָך ריינער ווי פון אַ טויב איז דאָך מיין קינד, מיין איטע.
ווייסט דאָך אַליין, דאַרף איך עס זיין פאַר דיר ערוב?
זי האָט דאָך פון איר וועלט גאָרנישט נאָך געהאַט הנאה
און ווי קראַנק, נעבעך, זי איז, ווי זי איז חרוב“.

אַזוי האָב איך קוים געהערט, ווי פון אַ צווייטן חדר
אַרויס, טוט זי מיך, די מאַמוניע, באַקלאָגן.
כ׳בין געלעגן אין יסורים מיט אָפענע אויגן
און בשום-אופן נישט געקענט איר עפּעס זאָגן.

אין די אויערן האָט מיר אַלץ געהאַקט ווי מיט גלעקער
און געפילט — אַזשע דער קאָפּ ווערט מיר צענומען:
„ליבער לעבט נישט מער, דיין טייערער ליבער, דיין חתן,
וועט צו דיר קיין מאָל מער נישט קומען, נישט קומען — — “

ס׳האָט מיך געצויגן, ווי מיט נישט גוטע, אויפצוהייבן
זיך פונעם בעט און לויפן איבער די גאַסן;
אויסצורייסן זיך די גאַנצע האָר פונעם קאָפּ, שרייען,
וויינען, שינדן פון זיך לעבעדיקע פּאַסן:

„מיין ליבער! געוואַלד מענטשן, גיטס מיר אָפּ מיין ליבערן,
מיין באַשערטן, מיין טייער יינגל, מיין חתן — — —"
און כ'האָב זיך נישט געקענט רירן. ס'האָבן מיך באַשלאָגן
אַנגסטן. אַ קאַלטער טויט־שווייס האָט מיך באַגאָסן.

די מאַמוניע האָט מיך צוגעהאַלטן און געליגן
אויף מיר ווי אַ פויגל, וואָס מ'האָט ערשט דערשאָסן.
בלויז אירע ליפּן האָבן געכליפּעט אויף מיין פּנים:
„ווערסטו זען, קינד מיינס, וועסט האָבן, האָבן אַ חתן".

אין די אויגן איז מיר אַלץ געשטאַנען דאָס פינצטערניש,
ווי אַ געדיכטער וואָלקן מיט גרויסע פליאָמעס.
פונקט ווי אַ קאַליע־געוואָרענער כריפּלע וואַנטזייגער
האָט אויף מיר שוואַך און מיד געסטוקעט דער מאַמעס

צעלאָמעט האַרץ, וואָס האָט אַ סך געליטן און תמיד
אָפּרייסן זיך איז עס געווען אין סכנה.
די שטילקייט אין ספּאַלניע האָט מיך געשראָקן. פון ערגעץ
אַ דאַך אַראָפּ האָט לאַנג געקראַקעט אַ וואָרנע.

קרוזשעווס פייער

מיט אַ פּאָר נעכט שפּעטער, פּאַרטאָגלעך, ווען כ׳בין געליגן
פאַרטראָגן און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט — פון די ווענט
ציִען זיך קרוזשעוועס פייער, מיט אַ מאָל — די מאַמע,
פיל איך, שטייט לעם מיר: „קינד מיינס, שרעק זיך נישט,
קום, ס׳ברענט!״

דער טאַטע, וואָס איז שוין געווען אויף און אַלץ געשריגן:
„ביי איציע־קרוסען, זיך גענומען פונעם שטאָל״, —
האָט שוין געשלעפּט דעם קופערט. לייב האָט אַרויסגעטראָגן,
האַלב־פאַרשלאָפן, קאָטעקן אין דער גראָבער שאַל.

די מאַמע האָט צעפּראַלט די קיך־טיר און פון ספּאַלניע
מיך גענומען רוקן אין איינעם מיטן בעט
צו דער גאַס און דערביי געהעשעט: „נאַ דיר אַ שריפה
צום טיש! גאַטעניו, פאַר וועלכע זינד, וואָסער חטא?״ —

דאָס שלעסל־געסל איז געווען פול מיט מענטשן. ווייבער
האָבן געוויינט: „קרוסעניום סינאַק, אַזאַ סטראַמפּ,
ר׳האָט אונדז געקוילעט אָן אַ מעסער! נעמט און לאָזט איבער
אין שטאָל מיט היי אָן אָנגעצונדענעם לאָמפּ״.

כ׳האָב געזען: אין שוואַרצע קנוילן רויך און אין פלאַמען
שטייען פאַרוויקלט די שטיבער איבערן סמאָטש.
ס׳קנאַקן האָלאָוועשקעס און ס׳פליִען קרוזשעוועס פייער,
צוויי פערד אַנטלויפן פון אַ ברענענדיקן קאָטש.

אַרום מיר האָט מען געשטופּט בעטן, שאַפעס, בעבעכעס,
מ׳איז געפאַלן אויף די פנימער און געקלאָגט:
„געוואַלד, ווו איז די פאַזשאַרנע? אוי, ייִדן, ראַטעוועט,
דער פלומפּ איז קאַליע! וואַסער, וואָס־מער וואַסער טראָגט!״

מיטן בעט אויפן גאַס, כ׳בין געליגן מיט די אויגן
צום שרעקלעך־העלישן פייער און נישט געזען
נישט דער מאַמען, דעם טאַטן, לייבן, קאָטעקן — קיינעם.
אפשר ביים ראַטעווען זענען זיי גאָר געווען.

כ׳האָב נאָר געזען דאָס לויפן פון אויסגעברענטע שאָטנס
הינטער די שורותווייז שטיבער, וואָס פאַלן איין
אין גרויסע הויפנס פונקען און ס׳טוט פון זיי אַ כוואַליע
אויף, ווי אין אַ גוואַלדאָוונע אויוון, פלאַם און שיין.

פון דער־אָ שיין כ׳האָב פּלוצים דערזען — ווי אַ לבנה —
ליבערס פּנים און ס׳שווימט מעדלענע וואָס אַ מאָל
מער העכער אַרויס פון די אָנגעצונדענע וואָלקנס.
דערנאָכדעם האָב איך יאַווע־יאַסנע דערהערט ס׳קול

זיינס, וואָס האָט זיך געצויגן צו מיין בעט נענטער, נענטער:
„איטע, כלה מיינע, כ׳בענק צו דיר, קום געשווינד — —״
כ׳האָב זיך געטון אַ וואָרף און אויסגעשריגן פון פחד.
וואָס ס׳איז געווען ווייטער — געדענק איך נישט אַצינד.

קום צו מיר...

פון דער שריפה אָן, ווען כ׳האָב דערזען ווי ליבערס פנים
איז צו מיר אַרויסגעשווימען פון די פלאַמען,
בין איך שוין גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. פונדעסטוועגן
האָב איך גאָרנישט געוואָלט דערציילן דער מאַמען.

אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער האָב איך גענומען הערן,
ווי פון אַלע ווינקעלעך, פון יעדן שאָטן
אַרויס רופט מיך יאַסנע ליבערס קול, ווי אין דער שריפה,
און דאָס קול איז שוין פון מיר נישט אָפּגעטראָטן.

זיין קול: „איטע, כלה מיינע, קום צו מיר, קום גיכער — —"
האָט מיך גענומען אַלץ מער סטראַשנע צו שרעקן.
נאָר כ׳האָב מיט האַרצקלאַפּעניש געשטיקט אין זיך די טרערן
און אַלץ נישט געוואָלט קיינעם פון שלאָף אויפוועקן.

אָבער די מאַמוניע וואָס איז געווען איבערגליקלעך,
וואָס דער בראַנכיט דערגייט מיר שוין נישט די יאָרן,
ווי פריִער און מיך אָנגעהויבן כסדר טרייסטן,
אַז בלי נדר וועט מען מיט מיר אַרויספאָרן

אויף פרישע פּאָוויעטשע אויף אַ פּאָר טעג אויפן קאַטשאַר
און אַז זי טראַכט אַפילו ערגעץ באַקומען
עטלעכע אַרשין ציץ פאַר מיר אויף אַ ליעטנע קליידל, —
האָט אין אַ פרימאָרגן מיט גרויס חשד גענומען

מיר אַריינקוקן אין די אויגן, געטאַפּט דעם שטערן,
באַטראַכט ס׳לייב, אַפילו דאָרט, וווּ מ׳טאָר נישט זאָגן
און כ׳האָב טאַקע בעשיימפערלעך געזען, זי איז עפּעס
היינט מער ווי תמיד פאַרדאַגהט און צעטראָגן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויס אין קיך און ווידער
אַריין צו מיר. כ'האָב געפילט, ס'נעמט זיך מיר שפּאַלטן
דער מוח. האָב איך ביי זיך גערעשעט, כ'וועל דער מאַמען
אַלץ אויסדערציילן, פון איר גאָרנישט באַהאַלטן.

די מאַמע האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פיל ווייטיק,
אַז כ'האָב שיִער געהאַט חרטה: זי וועט קלאָגן
און זיך פּראַמע מאַכן דעם טויט, מיינע שונאים. אָבער
כ'האָב געפילט — כ'לאָפנע, אויב כ'וועל עס איר נישט זאָגן.

און כ'האָב איר געזאָגט. אַז די מאַמוניע האָט פאַרבראָכן
מיט די הענט: „אוי, אַ דונער האָט מיך געטראָפן!
אַ ווייטיק, אַ צרה אין מיין לייב! זאָג מיר, גאָטעניו,
ווי לאַנג נאָך וועסטו מיך אַזוי ביטער שטראָפן?" —

זי האָט זיך אַ הייב-געטון פון בעט, אַרומגעלאָפן
איבער דער ספּאַלניע ווי משוגע, זיך געריסן
די האָר פון קאָפּ: „אוי, אין מיין קינד איז אַריין אַ דיבוק!
מענטשן, ראַטעוועט! וואַקס, וואַקס דאַרף מען איר גיסן!"

די ציגאַנקע און דער רבי

דער טאַטע איז נאָך מנחה־מעריב אַריינגעקומען
אין שטוב און ביז ר׳האָט רעכט אויספּייעט צולענען
די טיר, איז אים די מאַמע שוין געלאָפן אַקעגן
מיט אַ פּאַלעש: „דוד, אַן אומגליק! מיר זענען

פּאַרטיק מיט איטען! אַ צרה איז מיר און אַ וויטיק
איז אונדז געשען! אין אונדזער קינד — האָבן טרערן
שוין געוואַשן אירע באַקן — זיצט, נעבעך, אַ דיבוק!
אוי, די ציגאַנקע זאָל איינגעזונקען ווערן,

איז געווען געהערט. זי האָט באַלד דערקענט — אַ נישט־גוטער
שפּילט זיך מיט איר! און וואָס האָט עס דער אַליקער
רבי אויפגעטון? גאָרנישט! מ׳האָט זיך נאָר אָנגעהעצקעט.
דוד, נעם טו עפּעס, פון קינד פּאַלן שטיקער!"

די מאַמוניע האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קושעטקע,
בלייך ווי די וואַנט. דער טאַטע וואָס איז געשטאַנען
מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן אין מיטן ספּאַלניע,
האָט אַ צעטומלטער אָנגעהויבן שפּאַנען

פון איין ווינקל צום צווייטן; זיך געצויגן די סיווע
באָרד, געקנייטשט מיטן הויכן וואַקסענעם שטערן
און גאָרנישט גערעדט. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעבויגן
צו מיר: „איטעניו, אַנו, לאָמיך נאָר הערן,

וואָס איז דיר, קינד מיינס? איז טאַקע אַזוי, ווי די מאַמע
האָט מיר אָקערשט געזאָגט? ווייסט דאָך, אַז דיין טאַטע
האָט נישט שטאַרק ליב קיין באָבע־מעשיות, קיין מאַניפּאַרגעס",—
האָבן אַזשע געציטערט זיינע צוויי מאַטע,

גראָבע ליפּן: „ענטפער מיר, אויב דו ווילסט ווידער פאָרן
צום אַליקער רבין, דאַרפסטו מיר בלויז זאָגן".
און זיינע אויגן זענען אים געוואָרן פאַרכמאַרעט
מיט אַזוי פיל ווייטיק — נישט איבערצוטראָגן.

„ווידער צום רבין! וואָס האָט ער דיר אַזוינס געהאָלפן? —
האָט זיך די מאַמע גאָר בייזלעך אָפּגעריסן
אויפן טאַטן, — די ציגאַנקע ווייסט שוין מער פון רבין,
אין קינד זיצט, נעבעך, אַ נישט-גוטער! מ'דאַרף גיסן

וואַקס און וואָס-גיכער. אַ מינוט איז צו שפּעט. מ'דאַרף איטען
נעמען צו אַן אָפּשפּרעכערקע, האָב רחמנות
אויף דיין טאָכטער! כ'ווייס שוין פון לאַנג, דיר זענען נישט ניחא
די זאַכן, אַז דו גלייבסט נישט אין זאַבאַבאָנעס".

דער טאַטע איז געווען ברוגז, סטייטש, מ'האָט אים געטשעפּעט
זיין רבין. ס'פּנים האָט אים געפּלאַמט סכנות
און גערעדט צו זיך: „שיין, רעב אָשרם טאָכטער זאָל גלייבן
אין וואַקס, אין אָפּשפּרעכענישן, זאַבאַבאָנעס — — — —"

אין געוויטער

די אייגענע נאַכט איז געווען שטאַרק פאַרנע און כמאַרנע,
אַלע מאָל האָט געדונערט, געבליצט אין לאָדן
און כ׳האָב געהאַט מורא. ס׳האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן,
אַז דער טיש הייבט זיך פון אָרט, די שופלאָדן

פון קאַמאָד רוקן זיך אַרויס און אַריין, די שטולן
דרייען זיך פונקט ווי אין אַ טאַנץ, די קושעטקע
סטוקעט טשודנע מיט די פיסלעך און אין דער פינצטער —
ווי אַ פויגל — פליט־אום אַ ווייסע סערוועטקע.

יעדערער איז געשלאָפן. דער טאַטע האָט געכראָפּעט
אַזוי ווי אַ געשאָכטענער אָקס. באַהאַלטן
דעם קאָפּ אונטערן ליילעך, האָב איך אַזשע געציטערט
פון פחד און געפילט, אַז כ׳ליג אין אַ קאַלטן

טייך שוויס. אָבער די בליצן, ווי שאַרפע שפּיזן, שטעכן
מיר אַלץ אין די אויגן און שרעקן מיך איבער.
ערשט אין דער־אַ שרעק, ווי אויף צעלאָכעס, האָב איך ווידער
יאַסנע אָנגעהויבן צו הערן, ווי ליבער

רופט מיך, רופט מיך פון אַלע ווינקעלעך: „אוי, איטעניו,
כלה מיינע, ענטפער מיר, ווען וועסטו קומען? — — —”
כ׳האָב זיך טיפער אַרונטערגערוקט אונטערן ליילעך,
נאָר ס׳קול זיינס האָט נישט אויפגעהערט מיר צו שומען

אין די אויערן יעדעס מאָל אַלץ נענטער און שטאַרקער.
כ׳האָב אַזשע אויפגעהערט פילן ס׳האַרץ. אויפוועקן
די מאַמען, דעם טאַטן? וואָס וועלן זיי מיר טון? וואָס קאָנען
זיי, נעבעך, טון? ניין! כ׳זאָל מיך אַפילו עקן.

דער אַלטער טאַטע — וואָס נאָך זאָל ער טון? די מאַמוניע
איז קראַנק. זי האָט זיך איבערגענוג אָנגעליטן
פון מיר ביז אַצינדער. לייב ווידער ווערט אויסגעריסן
אויפן טאַרטעק. קאַטעק? ווי מ׳זאָל זאַלץ מיר שיטן

אויף די ווונדן, אַזוי פיל איך, ווען כ׳נעם אויף נימאַניע
מיין טייער ברודערל און זיין בידנע דאַליע — — —
און די בליצן פּאַסעווען דעם לאָדן, די דונערן —
אַט־אָט צעלייגן זיי די שטוב. כ׳האָב פּאַוואָליע

אַראָפּגעשאַרט פון פּנים ס׳ליילעך: אוי, די שופלאָדן
רוקן זיך נאָך, די קושעטקע קלאַפּט כסדר
מיט די פיס און די שטולן דרייען זיך אַרום איבער
דער ספּאַלניע, ווי זיי וואָלטן געגאַן אויף רעדער.

הענט און פיס האָבן מיר אַזשע אָנגעהויבן טאַמלען
און ווי אַ וואָרעם, איינגעקאָרטשעט אין דרייען,
האָב איך געפילט, אַז איך פאַל, איך זינק אַלץ טיפער, טיפער
אַראָפּ ווי אין אַ זומפּ און נישט געקענט שרייען.

גאָטעניו

כ'וועל דיר זאָגן, ווי די מאַמע זאָגט: האָב רחמנות,
גאָטעניו, אויף מיר און פאַרנעם מיין טעמנע בראָך;
נעם און טו נאָר אויף מיר אַ קוק, טאַקע אויף בעלנות,
ווי לאַנג וועסטו מיך אַזוי מוטשען, וויפל נאָך? —

זע נאָר זע, וואָס פון דער שיינער רויז איז געוואָרן,
באַטראַכט נאָר מיין פנים, אַז ווי איז מיר און ווינד!
האָסט זיי צעבראָכן פונקט ווי צווייגן, מיינע יאָרן,
און נאָר דער פינצטערער גרוב וואַרט אויף זיי אַצינד.

אוי, אין די בריסטן מיינע, פיל איך, טאַטשען ווערעם,
וואָס האָב איך געזינדיקט און וואָס איז דען מיין חטא?
אַ פייער האָט מען מיר צעלייגט אין די געדערעם
און מיט אַ דובינע דעם קאָפּ מיר עמיץ פּלעט.

איך וויאַנע, איך גיי אוים. איז האָב אויף מיר רחמנות,
גאָטעניו, אָדער העלף מיר, אָדער נעם מיך צו.
אויסגעסאָכניעט און פאַרקווארט בין איך ווי אַ שפּאָן איז,
איז שענק זשע מיר זארעז די קאַלטע קבר־רו.

האָסט מיר אים אויסגעכאַפּט אין אַ טאָג אַ פאַרשנייטן,
אַזוי־אָ איינם און צוויי — מיין ליבערן, מיין קרוין.
האָסט אַפילו נישט פאַזוואָליעט כ'זאָל איין מאָל גרייטן
פאַר אים כיבוד, ווי עס פּאַסט, אין שטוב ווו איך וווין.

האָסט געלאָזט אַ סנאַראַד זאָל מיין חתן דערשלאָגן,
וויי, צי דורכשטעכן ס'האַרץ זיינס זאָל אים אַ באַגנעט, —
כ'בין אַ בעלן, גאָטעניו, זאָלסט אַצינד מיר זאָגן:
וואָס האָט ער געזינדיקט, וואָס איז געוועזן זיין חטא? —

ראָסיע, נעבעך, עקט זיך. זי וועט עס נישט אויסהאַלטן
דעם סטראַשנע קלאַפּ. וועט נישט איבערטראָגן, ניין!
די טרערן, אירע קולות דיינע הימלען שפּאַלטן,
הערסטו דען נישט, גאָטעניו, איר ביטער געוויין? —

און די מאַמוניע, ווי די צרות צעאַקערן
זי אין גאַנצן. וואָס נאָך קען זי דען טון פאַר מיר?
אוי, ווי אַ סטערטע היי, זעט זי אוים, זאָל פלאַקערן
און זאַרעז וועט אַ בערגל אַש בלייבן פון איר.

יענעם שיינעם תכלית, וואָס דאַרף איך נאָך דיר ברייען,
האָסטו פון מיר — פון דער קראַסאַוויצע געמאַכט.
איז טאַקע נאָר צוליידן, אַזוי צו סטראַדאַיען,
האָסטו מיך, זאָג מיר, אויף דיין שיינער וועלט געבראַכט? —

נו, האָדיע מיט די ווערדנע רייד. נאָר האָב רחמנות,
בעט איך דיך, אויף מיר און זע־צו מיין ווימטן בראָך.
גאָטעניו, כ׳טאַמל, אין הארץ טאָטשעט מיר סכנות,
איז זאָל זי שוין קומען, די מיתה, נאָך די וואָך.

אַן אָפּשפּרעכערקע

די מאַמע האָט אויסגעפּירט אירס: זי האָט מיך גענומען
צוגרייטן כ׳זאָל גיין מיט איר — אַז מ׳זאָל מיר גיסן
וואַקס — צו אַן אָפּשפּרעכערקע. „וועסט זען, — האָט זי מיך ליבלעך
געגלעט און געטרייסט, — וועסט גאָר אַליין נישט וויסן,

ווי גיך די צרות וועלן פון דיר אַוועק. וועסט ווערן
געזונט גלייך ווי אַלע מיידלעך. און אַ חתן
וועט שוין מירטשעם קומען. דיין לעבן וועט ערשט אויפשיינען.
האָסט דאָך נאָך פון דעם גאָרנישט גענאָסן".

ווער זי איז און ווו זי וווינט ערגעץ, די אָפּשפּרעכערקע,
האָט זי נישט געזאָגט. מיר איז אָבער געליגן
לאַנג אין קאָפּ אַן אַלטע גויע, וואָס נאָך דער רימערקע,
האָדעוועט זי מייז, קעץ, הינט און אויכעט ציגן.

כ׳געדענק נאָך ווי היינט, ווי זי האָט דערציילט, די רימערקע,
אַז ערגעצוווּ אויף טוכעוויטש, עק־שטאָט פּראַמע,
אין אַ צעלאָמעט שטיבעלע וווינט זי, די־אַ גויע,
און אַז עפּעס סטראַשנע זאַכן, טאַקע סאַמע

כישוף קאָן זי אָפּטון, די מכשפה. אַז צוויי האָרבן
האָט זי — איינעם פון פאָרנט, איינעם פון הינטן;
אַ נאָז ווי אַ האַקמעסער, צעקאָטשמעטע פּעלעכעס
און אין מיטן קאָפּ — דריי לאַנגע ווייסע שרינטן.

זי רייכערט גראָבע ציגאַרן פון די האָר פון קאַטשענעס
און אַז זי גייט, טאַנצט זי אונטער, אָנגעבויגן
אויף אַ סיקעוואַטע דרענגל. הענט האָט זי ווי גראַבליעס
און ווען זי טוט אַ שאַרפן בליאַסק מיט די אויגן,

קאָן מען לאָזן די נשמה. דאָס האָט די רימערקע,
געדענק איך, איין מאָל אַליין דערציילט דער מאַמען
און זי האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן: „יאָ, ס׳אַ מכשפה,
אויף אַלע פּוסטע וועלדער און וויסטע ימען״.

צו דער־אַ כישופמאַכערן, ווייזט אויס, וויל מיך די מאַמע
פירן אַצינד. זי טוט מיר אַלץ דערציילן
און צורעדן, אַז ווען די גויע וועט מיר אויסגיסן
דעם וואַקס, וועט עס מיך פון אַלע קרענק אויסהיילן.

אָבער איך גלייב נישט, ווי די מאַמע, אין זאַבאַבאָנעס
און כ׳גלייב אויכעט נישט, ווי דער טאַטע, אין רבין.
קיינער וועט מיר גאָרנישט העלפן נאָך דעם, ווי מיין ליבער
האָט מיר צוגענומען ס׳געזונט מיטן לעבן.

נאָר אַז די מאַמע וויל שטאַרק די אָפּשפּרעכערקע, מילא!
מיין וועלט איז דאָך שוין סיי ווי נישט ווערט קיין גראָשן.
כ׳פיל, אַז כ׳וועל שוין צו לאַנג נישט אָנציִען, אַז מיין לעבן
איז איצטער פונקט ווי אַ ליכט, וואָס ווערט פאַרלאָשן.

מ׳גיסט מיר וואַקס

די מאַמוניע האָט ביי אַ שכנה פאַרזעצט אַ קישן,
האָט געדונגען איציע־קרוסעס פערד און וואָגן
און אַן אין דער פרי אונדז אַוועקגעפירט אויף טוכעווימש.
(די מאַמע האָט נישט פאַרגעסן אָנצוזאָגן

איציע־קרוסען, ר׳זאָל דעם טאַטן פון גאָרנישט דערציילן
און קרוסע האָט געענטפערט: „נאָט אייך מיין שבועה,
אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט! פּעשע, האָט נישט קיין צרות
און אייער איטען זאָל עס זיין צו אַ רפואה״).

די מאַמע האָט זיך גיך דערפרעגט צו דער אַלטער גויע.
ווען מיר זענען אַריינגעגאַן אין איר הייזל
האָבן מיר געזען, זי זיצט אויף אַ ראָגאָזשע, רייכערט
אַ ליולקע־ציבעק און שפּילט זיך מיט אַ מייזל.

די גויע האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַן נענטער
צו אונדז און מיך דורכגענומען מיט צוויי אויגן —
פּונקט ווי שפּיזן. כ׳האָב זיך אָזשע פאַר שרעק צוגעטוליעט
צו דער מאַמען. די גויע האָט אויסגעצויגן

די האַנט, גענומען אַ מאַקערטע און זי געוויזן
דער מאַמען. ווען די מאַמוניע האָט אַ שאָקל
געטון מיטן קאָפּ, האָט זי אין איר אַריינגעגאָסן
היים וואַסער און מיך געזעצט אין אַ קאַטאָקל

פון דער קליינער הייזקע. די גויע האָט די מאַקערטע
אַרויפגעשטעלט איבער מיין קאָפּ און גענומען
אין איר אַריינוואַרפן קליינע צעשניטענע שטיקלעך
וואַקס, צוגעמאַכט די אויגן און אונטערברומען

עפּעס אונטער איר נאָז, ווי אַ האַקמעסער. דערנאָכדעם —
אַלץ מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זי געגיבן
אַ פּאַטש מיט די הענט — הוש־הוש, ווי זי זאָל אַוועקטרייבן
אַ הון, אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיבן

מאָל צוגעקלאַפּט מיטן דרענגל. זי האָט די מאַקערטע
אַוועקגעשטעלט אַקעגן דער מאַמעס אויגן
און אַלץ אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, איר אָנגעוויזן
אויף די אויפגעקומענע וואַקסענע רויגן,

די מאָדנע זאַכן און שפּריצלעך, וואָס האָבן געציטערט
אין מאַקערטע מיטן אָפּגעקילטן וואַסער.
די גויע האָט וואָס געזאָגט דער מאַמען אויפן אויער
און כ׳האָב געזען, ווי זי ווערט בלייכער און בלאַסער.

„נישקשה, גאָט וועט אונדז מוזן העלפן, — האָט די מאַמע
מיך שטאַרק אַ צי־געטון ביים קליידל, — קום. איטע!״
זי האָט ברוגז צוגעוואָרפן דער גויע פיר זלאָטעס
און אַוועק מיט מיר פונקט ווי אַן אָפּגעבריטע.

די שײנע רויז װיאַנעט

אוים מלחמה

נעכטן האָט דער טאַטע געבראַכט פון שטיבל די נייעס,
אַז ס׳וועט שוין אַ שלום מיט די באָלשעוויקן;
דערפאַר, זאָגט מען, זעט מען נישט אַזוי פיל פּולעמיאָטן
מיט וואָיסק, ווי פריִער, אויף די וועגן און בריקן.

לייבל האָט געטון אַ מרוקע (ר׳האָט זיך אויפן טאַרטעק
צעקאָליטשעט אַ פּוס און דערפאַר געזעסן
אין שטוב): „באָלשעוויקן, פּאָליאַקן... אַז איין כאָליערע
כאַפּט זיי ביידע! די ווערעם זאָלן זיי עסן״.

די מאַמע האָט זיך אָבער דערפון דערפרייט: „אַצינדער
וועט מען שוין, גאָט צו דאַנקען, זיך קענען רירן
אַ ביסל. דאָס ערשטע וואָס מ׳דאַרף טאַקע טון איז נעמען
קאָטעקן — ער גייט, נעבעך, איין — און אָפּפירן

אים קיין טרויוועץ, ר׳זאָל דאָרט זיין איבער ימים-נוראים.
נישקשה, זיין מומע וועט נישט ווערן בדלות:
זי האָט מילך, קעז און פּוטער — וואָס נישט? און ס׳צווייטע, איטען
אויפן קאָטשאַר. יאָ, מ׳דאַרף פּרווון נאָך די התפּעלות״.

„פּעסיע, כ׳האָב נישט ליב, זיי מיר מוחל, ווען מ׳רעדט פון הוילן
פּאָס אַרויס, — האָט דער טאַטע אַרויסגענומען
אַ ספר פון דער שאַפע און ווי תמיד סעריאָזנע
געזאָגט, — ס׳קינד וועט אין טרויוועץ נאָך מער אָפּקומען.

יעדערן איז אַצינד גענוג שווער. די מלחמה
האָט זיך טאַקע יאָקאָס שוין געקאָנטשעט, אָבער
ס׳איז נאָך ביטער און טעמנע. אַפילו חיה-דינהן,
זיין גבירהשער מומען, שטעכט נאָך נישט דער האָבער״.

„נו, און וועגן קאַטשאַר וואָס דרשנסטו ? — האָט די מאַמע
אָנגעשטעלט אויפֿן טאַטן צוויי ביסטרע אויגן,
גלייך ווי ער זאָל איר האָבן געקוילעט די קאַפּאָטע, —
דער זומער איז דאָך שוין באַלד אַוועקגעפֿלויגן!"

דער טאַטע האָט זיך געגראָבן אין ספר, געשוויגן.
צו וואָס רעדן? ער האָט גוט געוווּסט, אַז פֿאָרן
אויף פֿרישע פּאָוויעטשע איז נישט פֿאַר אונדז. נאָך אַצינדער,
טאַקע אין די־אָ ווייסטע מלחמה־יאָרן.

מיר ווידער איז שוין סיי ווי געווען אַלץ איינס: יאָ קאַטשאַר,
צי נישט קאַטשאַר — פּונקט ווי דער מאַמוניעס לויפֿן
גיסן וואַקס. האָדיע! ליבער האָט ביי מיר צוגענומען
ס׳לעבן און מ׳וועט עס מיר צוריק נישט אָפּקויפֿן.

אין שטוב איז געווען שטיל, ווי אין אַן אויער. קאַטעקל
איז געשלאָפֿן. ס׳הערצל האָט אין אים געזאָטן
פּונקט ווי אַ פֿענדל וואַסער. די מאַמע האָט געדרימלט
און לייב האָט אַריינגעקוקט אין אַ בלאַט נאָטן.

ביים שפּיגל

פּאַר נאַכט. כ׳בין אַליין אין שטוב. און ס׳גייט אַ שטאַרקער רעגן.
כ׳פּיל — די כוחות לאָזן זיך מיר אויס. די מאַמע
וויל שטאַרק, מ׳זאָל מיך נעמען אויפן קאָטשאַר. איך בוטיבע
רעד נישט. אָבער מיט יעדן טאָג שטאַרבט מיר פּראַמע

אָפּ אַן אַנדער אבר. כ׳גיי אויס. וואָס קען מיר שוין העלפן
פּרישע פּאָוויעטשע? — ניין, פון שטוב וויסט נישט קיינער,
נישט די מאַמע, נישט דער טאַטע, ווי שמאָל זייער טאַכטער
האַלט שוין. גיי דערצייל זיי, אַז אין מיינע ביינער

ברענט אַ פייער. כ׳קען נישט גוט אָפּאָטעמען אפילו.
אַז כ׳פּיל שוין נישט די הענט, די פיס — קיין שום גלידער.
אַז פונקט ווי אַ ליכט אַזוי גייען מיר אויס די כוחות
און יעדע מינוט ווער איך שוואַכער און מידער.

ס׳הענגט נאָך אונדזער גרויסער שפּיגל. זאָל איך מיך אַנקוקן
אין אים און זען, וואָס ס׳איז געוואָרן פון איטען?
ניין! אַנעם שפּיגל ווייס איך שוין אויכעט, אַז איך וויאַנע,
אַז מיין פּנים וועט שוין קיין מאָל נישט אויפצוויטען,

ווי ס׳איינציק עפּלביימל, וואָס שטייט לעם די פעדערשטע
פענצטער פון אונדזער שטוב. מיין לייב וועט נישט שמעקן,
ווי פריִער מיט דער וועסנע פון מיין יוגנט — ערשט נעכטן,
דאַכט זיך! כ׳זע זיי טאַקע נישט, די געלע פלעקן,

וואָס האָבן אין גאַנצן אויפגעגעסן מיינע באַקן,
ווי צוויי ראָזעווע עפּל און מיינע ליפּן —
ווי רויטע קאַרשן. אָבער כ׳פּיל זיי גוט, די־אַ פלעקן,
ווי כ׳פּיל דאָס פייער, וואָס שרפעט מיינע ריפּן.

אוי, ווי די כוחות גייען מיר אוים. כ׳וועל פונדעסטוועגן
נעמען צום לעצטן מאָל אַ קוק טון אין שפּיגל — — —
מיין פּיין-געשניצטע נאָז — פּונקט ווי אַ פויגל צום פליִען,
אַצינדער — אָן אַ טראָפּן לעבן, אָן פליגל.

אוי, און וואָס איז געוואָרן פון מיינע שיינע אויגן,
די אַמאָל צוויי אַזיערעס — טיפע און בלאָווע?
גריבער מיט שאָטנס. און מיין וועלדעלע בלאָנדע לאָקן?
פעלעכעס — אָפּגעבליאַקעוועטע און גראָווע.

און ווי איינגעפאַלן, געוואַלד! זענען מיינע בריסטן.
צוויי דערשטיקטע טויבן, נעבעך! ניין, זיי קענען
זיך צו קיינעם מער נישט טוליען, ליב האָבן. אפילו,
ווען די לידקעס מיינע צוקן נאָך און ברענען.

אָבער דאָס פייער וועט מיך יאַקאָס לאַנג נישט מאַטערן.
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ מעת-לעת — ס׳פייער וועט ווערן
פאַרלאָשן. דענצמאָל וועט מיר זיין בעסער. אַ סך בעסער.
דענצמאָל וועל איך גאָרנישט פילן, גאָרנישט הערן.

סאַסנעס און שאַטנס

שוין דריי טעג, אַז כ׳בין דאָ אויפֿן קאַטשאַר, הינטער זימניע.
ס׳איז דאָ גראַד זייער שיין. הויכע סאָסנעס שטייען
ביי דער הייזקע פֿון דער גויע, וואָס גיט מיר צו עסן
פֿולע טעפּ נאָר מילכיקס. אָבער אין מיר גייען

אוים די כוחות. (פֿאַר וואָס האָט עס די מאַמוניע ווייטער
געדאַרפֿט פֿאַרזעצן אַ קישן ביי אַ שכן,
הייב איך נישט אָן פֿאַרשטיין. וואָס קענען מיר העלפֿן סאָסנעס
און מיך שטאָפּן מיט מילכיקס עטלעכע וואָכן) ? —

די מאַמע וועט מיך מאָרגן קומען זען. כ׳וועל איר זאָגן,
זי זאָל מיך שוין נעמען אַהיים. כ׳קען נישט שלאָפֿן
אויפֿן האַרטן סיניק, אַליין אין דער פֿינצטערער קאַמער.
הינט בילן. כ׳האָב מורא. די ווענט זענען אָפֿן.

אַלצדינג פֿאַלט מיר דאָ אוים באַקעם. כ׳וועל דאָ ווערן משוגע,
מיינע שונאים! אַ קאַטשאַר האָט זיך דער מאַמען
פֿאַרגלוסט. און מיר איז דאָ סטראַשנע טראָוועריק. מיר ציִען
הענט און פֿיס. די ריפּן שרפֿען מיר און פֿלאַמען.

כ׳בענק צו קאַטעקן. אוי, אפֿשר האָט מען אים שוין טאַקע
אָפּגעשיקט אַזשע קיין טרוּוועץ — צו דער מומען ? —
מיין האַרציק ברודערל, נעבעך! מיר פֿאַר זיינע ביינער.
ווען וועל איך אים קענען זען, ווען וועט ער קומען ? —

כ׳הער שוין פֿראַוודע נישט אַצינדער, ליבער זאָל מיר רופֿן,
ווי פֿריִער. אָבער אומעדום זע איך יאַסנע
זיין קאַלט געשטאָרבן פּנים, אַז איך דערשרעק מיך אַזשע.
און אויב די מאַמוניע וועט נישט זיין סאָגלאַסנע

זאָרעז מיך צו נעמען אַהיים, איז וועל איך אַנטלויפן
פון דאַנעט, ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן.
כ'האָב מורא פאַר די שאָטנס, וואָס זענען דאָ אין קאַמער.
כ'שלאָף נישט און דערלעב קוים ביז ס'הייבט אָן צו טאָגן.

היינט, די שלעכטע חלומות, ווי גיך כ'מאַך צו די אויגן.
טאַקע ערשט נעכטן — אַז מ'טראָגט מיך אויף דער מיטה.
איך הער, מ'וויינט שטאַרק, נאָר כ'קען מיך נישט אויפהייבן. די מאַמע
רייסט זיך די האָר: „ווי, מיין איטעניו, מיין איטע — — —"

ס'ווערט איר נישט גוט און זי פאַלט אַוועק, ווי צום חלשן.
אַז כ'האָב מיך געטון אַ וועק אויף, איז אין קאַמער
געווען פינצטער. כ'בין געליגן, געוויינט. אין די שלייפן
האָט עס מיר סטראַשנע געהאַקט, ווי מיט אַ האַמער.

שוין דריי טעג, אַז כ'דריי מיך אַרום אַליין אויפן קאָטשאַר
און מיר איז דאָ סקוטשנע און טראָווועריק צווישן
די הויכע גרינע סאָסנעס. איז דערפאַר האָט די מאַמע
געדאַרפט לויפן און פאַרזעצן נאָך אַ קישן? —

אויף אַ וועסעלע

די מאַמוניע האָט מיך איבערגעלאָזט אויפֿן קאַטשאַר —
ממש מיט גוואַלד אויף נאָך צוויי מעת-לעת, ביז מאַנטיק.
סטייטש, וואָס וועלן לייט זאָגן, אַז כ׳וועל באַלד אַנטלויפֿן?
חוץ דעם, אַז כ׳פּאַפּראַווע זיך, זאָגט זי, איז קאַנטיק.

כ׳האָב מיך גאַנצע שעהן אַרויסגעזעצט אויף דער פּריזבע,
געקוקט אויף די שיינע סאָסנעס, ווי זיי וויגן
זיך שטיל צום בלאָוון הימל און ווי פּאָר נאַכט-צו קומען
אָן כמאַרעלעך, ווי טשערעדעס ווייסע ציגן.

זיץ איך אַזוי זונטיק, קוק אויף די סאָסנעס. אַז פּלוצים —
און כ׳ווייס נישט פֿון וואַנעט זי האָט זיך געיאַוועט,
וואַקסט אויס אונטער מיין נאָז די לאַנגע רייזיע: „איטע, —
טוט זי זיך אַ זאָג, — איי האָסטו דיך פּאַפּראַוועט!"

און איידער כ׳האָב נאָך אויספּייעט זי רעכט צו באַקוקן,
זי טוט מיר אַ שנאָל אין אויער: „קראַסאַוויצע
מיינע, מיר גייען היינט אויף אַ דאָרפֿישער וועסעלע,
אַ פּאָר שפּאַן פֿון דאַנעט, דאָ-אָ, אין באַביצע".

פֿון רייזיעס פּוסט מויל איז מיר אַזשע נישט גוט געוואָרן.
אַ שאָק מיט יאָרן, אַז כ׳האָב זי פּאָר די אויגן
נישט אָנגעקוקט. פֿון וואַנעט האָט זי זיך דאָ גענומען? —
דערנאָכדעם האָט זי זיך צו מיר צוגעבויגן:

„קום, איטע, וועסטו זען, ווי די גויִשקע חתן-כּלה
קושן זיך, ווי מ׳טאַנצט... מירן זיך אויכעט דרייען!"
און די מויד האָט זיך עם אויף מיר אַזוי אָנגעוויאַזשעט,
אַז כ׳האָב איר שוין געמוזט צוזאָגן — „מיר גייען".

נאָכן זיך אָנגיין העגט און פּיס, זענען מיר געקומען
צו דער כאַטע פון דער וועסעלע. אַז מ׳האָפּעט
און מ׳שפּילט האָט מען שוין געהערט אויפן גאַס. אינעווייניק
האָבן גוים געשיכורט, געלאַכט, געכראָפּעט

און ס׳האָט אַזוי שטאַרק געשטונקען מיט בראָנפן — חלשות !
דער בלאָווער רויך פון מאַכאָרקע האָט געביסן
אין די אויגן. אָבער די כּלה אין ווייסן וועליאָן
איז געווען שיין — ווי אַ ביימל בעז אין ניסן.

רייזיע האָט מיך געטון אַ שלעפּ אַריין אין דער כאָפּטע
שקצים און שיקסעס און מיט אַזאַ מין פּאַלעש,
ווי אַ רוח — גענומען פליִען מיט מיר אַ וואַלעץ,
אַז כ׳האָב זאַרעז דערפילט — ס׳ווערט מיר שלעכט, איך חלש — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס מיט מיר איז געשען שפּעטער קען איך נישט געדענקען.
אַז כ׳בין געקומען צו זיך, איז מיר געליגן
אַרום די ליפּן אַ פּינע פּונקט ווי קליי. די גויע,
ביי אַ ליכט, האָט פון מיר אָפּגעיאָגט די פליגן.

צוריק אין דער היים

מאַנטיק פאַר נאַכט איז מיך די מאַמע געקומען נעמען
פון קאַטשאַר אויף אַ גויִיש פורל. אַ רעגן
האָט געליאַפּעט — מיט צעבערס! אויסגעווייקט איז זי, נעבעך,
געווען און פּיטש־נאַס ביז די ביינער. די וועגן,

האָט זי מיר דערציילט, זענען אַזוי פאַרפּלייצט, פאַרגאָסן,
אַז ס'איז אַ געפערלעך איינשטעלעניש צו פאָרן.
אויף איין אָרט, האָט זי מיר געזאָגט, אויפן טראַקט קיין סווינעך,
איז מען טאַקע שיִער נישט דערטרונקען געוואָרן.

דער גוי האָט געטריבן זיינע צוויי מאָגערע פערדלעך
און דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן.
די מאַמע האָט מיך גוט איינגעדעקט מיט צוקער־זעקלעך
און דער שטורעם־ווינט האָט אונדז ביידע געריסן

די קעפּ, געהויבן פון אָרט — אָט־אָט אוועקצופליִען
מיט אונדז אין די פינצטערע כמאַרעס, וואָס האָבן
זיך אַלץ אַראָפּגעלאָזט נידעריקער. אָן רחמנות
האָט דער גוי געקלאַפּט די שקאַפּעס מיט אַ גראָבן

שטעקן, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון די דראַבינעס
און אונדז געטרייסט, אַז מ'איז יאַקאָס אָפּגעפאָרן
דעם סאַמע ערגסטן וועג. „אַזאַ מבול, — האָט די מאַמע
געזאָגט, — געדענקט זי נישט זינט גאָר אַ סך יאָרן".

מיר איז שוין געווען אַלץ איינס — יאָ מבול, צי נישט מבול,
דער קאָפּ האָט מיר סטראַשנע געהאַקט. ביידע ליפּן
זענען מיר געווען טרוקן פונקט אַזוי ווי צוויי שפּענדלעך
און ס'פייער האָט מיר אַלץ געברענט אין די ריפּן.

ס׳האָט מיר אויסגעדאַכט, כ׳וועל שוין אַהיים נישט דערפאָרן,
אַזוי שלעכט איז מיר געווען. ס׳האָט מיר סכנות
געשווינדלט פאַר די אויגן. אַפילו דער מאַמוניען
האָב איך נישט גוט געזען. כ׳האָב פאַר אַ בעלנות

אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי איר אָנצוטאַפּן דאָס פּנים,
אַז די מאַמוניע האָט זיך אַזשע געגיבן
אַ טוליע־צו צו מיר דערשראָקן: „וואָס איז, איטעניו?
קינד מיינס, נאָך אַ טשוטקעלע וועג איז געבליבן

און מיר זענען אין דער היים״. זי האָט געטון אַ ניזשע
מיט די אַקסל: „נו־נו, אַזאַ מבול! איטע,
ס׳פאַלט דיר שוין מסתמא אַרויס ס׳האַרץ, אַ? כ׳האָב האַבערגריץ
און אַ קאַרטאָפליע שטיין פאַר דיר אויף דער פליטע״.

די מאַמוניע האָט נאָך עפּעס צו מיר געזאָגט, אָבער
כ׳האָב נישט געהערט וואָס. דער גוי האָט שטאַרק געטריבן
די פערדלעך, זיי זאָלן נישט פאַרגרעזניען. אויפן שטערן
זענען מיר געשטאַנען טראָפּנס שוויים, ווי ביבן.

טשאַיקאָווסקים סערענאַדע

לייב איז געקומען אַהיים און מיטגעבראַכט אַ פידל.
ר׳האָט אים כסדר געהאַלטן אין איין סטראָיען
און גאָרנישט געשפּילט. האָט די מאַמע געזאָגט: „לייבעניו,
צו וואָס זאָלסטו מיר אַצינדער בעזפּאָקאָיען

די נערוון? נעכאַי שפּילסטו אויף אַ ייִדיש שטיקעלע,
אַ וואָלעכל, צי עפּעס אַ שיינעם ניגון,
ס׳זאָל אַ קאַפּיטשקע פרייִלעכער ווערן אויפן האַרצן.
אוי, גאָט ווייסט ווי לאַנג ס׳קינד, נעבעך, דאַרף ליגן

אין בעט אַזוי הרוב קראַנק, אַ ווייטיק מיינע יאָרן״.
טרער נאָך טרער האָבן זיך גענומען צאַפּן
פון אירע אויגן און ס׳פּנים איז איר קליין געוואָרן,
אַז אַ פויגל וואָלט עס געקענט אַוועקכאַפּן.

ס׳איז געווען אין אָוונט. קאָטעקל איז שוין געשלאָפן
און דער טאַטע איז נאָך נישט געהאַט געקומען
פון שטיבל. אַז די מאַמע האָט געזאָגט לייבן: „קאָטעק
שלאָפט, ר׳וועט זיך נישט אויפוועקן״, האָט ער גענומען

דעם פידל, זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ טונקל ווינקל
און מעדלענע אָנגעהויבן פירן דעם סמיטשיק
אויף די דינע סטרונעס. ס׳איז דער מאַמען נישט געפעלן:
„לייבעניו, ס׳איז עפּעס צו סמוטנע, צו קוויטשיק״.

אָבער לייב האָט ווייטער געשפּילט. ס׳איז געווען טשאַיקאָווסקים
סערענאַדע וואָס תּמיד, ווען כ׳הער זי שפּילן,
גייט מיר אוים די נשמה. זי צעברעכט מיך אויף שטיקלעך.
כ׳הער פּשוט אויף צו זען, צו הערן און פילן.

לייב האָט געשפּילט מיט אַזוי פיל האַרץ, אַז טרערן זענען
מיר געלאָפן פון די אויגן. הייסע טרערן.
יעדער טאָן האָט מיר געטון אַ שניט, ווי מיט אַ שטומפּיק
מעסער. נאָר כ׳האָב אַלץ געוואָלט הערן און הערן.

די מאַמע האָט צוגעדרימלט און איך האָב אין האַרצן
געבעטן גאָט, אַז אויב כ׳דאַרף טאַקע אַ ליאַדע
טאָג שוין אַוועקגיין פון דער וועלט, זאָל עס געשען דענצמאָל,
ווען לייב וועט מיר שפּילן די־אָ סערענאַדע.

לייב האָט געשפּילט. די טענער זענען אַרויסגעפלויגן
פון די סטרונעס פונקט ווי לעבעדיקע פונקען.
זיי האָבן אויפגעפינקלט, געגליט און זיך אויסגעלאָשן
צו אייניציקווייז. כ׳האָב געפילט ווי כ׳ווער פאַרזונקען

אין אַ טיפן זיסן דרימל. כ׳פיל שוין נישט מער ס׳בראַטן
אין די ביינער. גרויסע פליגל, פיל איך, טראָגן
מיך אַוועק ערגעץ ווייט, הויך. ווו טראָגן מיך די פליגל? —
איך וויל נישט פרעגן און כ׳וויל נישט מ׳זאָל מיר זאָגן.

ערב ימים-נוראים

ס׳רוקן זיך אונטער די ימים-נוראים. די מאַמע
זאָגט, אַז מירצעשעם פון היינט איבער צוויי וואָכן,
האָבן מיר שוין ראש-השנה. זי וועט מיך מיטנעמען
אין שיל אַריין. „סיי ווי וועט נישט זיין צו קאָכן

מי יודע וואָס. ס׳זאָל כאָטשבי זיין גענוג קאַרטאָפליעס
אין שטוב. ברויט, אַ טייגל און אַ קווערטל קאַשע.
פון אַ בראָק פלייש איז דאָך אָפגערעדט. און אויב, חלילה,
דאָס אַלץ וועט באַצייטנס נישט ברענגען מאַריאַשע,

מנשה טשוטשס ווייב, די דאַרפסגייערקע, פון כמעלעווקע,
ווייס איך נישט מיט וואָס מ׳וועט קענען אויסשטיקעווען
דעם יום-טוב, ס׳זאָל כאָטשבע זיין צו מאַכן אַ המוציא.
איצטער, ווי איז מיר, קען קיינער נישט בריקעווען״.

די מאַמע האָט גערעדט צו זיך אַליין און דאָס פנים
אירס איז געווען אַזוי שאַרף פונקט ווי אַ מעסער.
כ׳וועל גיין מיט איר אין שיל אַריין, זאָגט זי, ראש-השנה.
כאָבאָי זי מיינט אפשר, מיר איז פלוצים בעסער

געוואָרן. כ׳קען דאָך מיך אפילו רעכט נישט אויפזעצן
אין בעט. וואָס בין איך איצטער? — אַ זעקלביינער.
כ׳קען זיך נישט רירן. אין די ריפּן סמאַליעט אַ פייער
און די פיס — שווער און געפרוירן, ווי צוויי שטיינער.

די מאַמוניע זיצט אויף דער קושעטקע און צערעוועט
קאָטעקס אָן אַלט זעקל. דאַכט זיך, אַז זי דרימלט.
איך קוק אין גרויסן פאַרנאַכטיקן פענצטער. דער אָסיען
קומט שוין אָן. אַלצדינג ווערט גראָוו, וויאַנעט און שימלט.

אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר גאָר ס'פּאַרקערטע: ס'קומט ערשט ווען
און דער ליבער זומער. אַלצדינג נעמט באַדעקן
זיך מיט גרינס, מיט ווייסן צוויט. אַז אַ פרישינק צווייגעלע
בעז, אַ שמעקעדיקס, הייבט עמיצער אָן שטרעקן

צו מיר דורך דער שויב. כ'וויל עס תיכּף נעמען אָנכאַפּן,
נאָר כ'קען נישט. כ'ליג פאַרשטאַרט אַזוי ווי אַ פליטע
אייז, קאַלט און געליימט. און די אַלטע שוואַרצע קושעטקע,
וואָס שטייט אין ווינקל לעם פענצטער — איז מיין מיטה.

און די מאַמוניע, נעבעך, רעדט מיר נאָך פון מיטנעמען
מיך אין שיל אַריין, אַז מ'וועט נישט דאַרפן קאָכן
קיין סך. אוי, ווען זאָל איך זאָגן: איך עק מיך! ווען
קען איך זאָגן: מענטשן, זעט, איך ליג צעבראָכן

פונקט ווי אַן ערדן טעפּל אויפן מיסט. אַז פּאָר איטען,
דער קראַסאַוויצע, דאַרף מען זיך שוין צוזאָגן
אויפנייען — ווײַ, נישט קיין שיין חופּה־קלייד, נאָר תּכריכים,
ווײַל אַ ליאַדע מאָרגן וועט מען זי באַקלאָגן.

צו כל נדרי

די מאַמוניע האָט זיך גוט אָנגעווייינט ביים ליכטבענטשן.
זי איז צוגעגאַן צום בעט און מיר געגיבן
אַ קוש און מיט נאַסע אויגן אַוועק מיטן טאַטן
און מיט לייבן צו כל נדרי. כ׳בין געבליבן

אַליין אין שטוב מיט קאַטעקן. קאַטעק איז געזעסן
לעם מיר און טרערעלעך זענען אים געשטאַנען
אין די אייגלעך. וואָס וויל ער? אי גיין אין שיל, אי בלייבן
מיט מיר. ווי איז דאָס מיגלעך? ר׳האָט נישט פאַרשטאַנען,

צי זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין. האָב איך אים איינגענומען
מיט כלערליי מעשיות און ר׳איז איינגעשלאָפן.
די בענטשליכט האָבן געקאַפּשעט און די קנויטן האָבן
געקנאַקט. מאָדנע שאָטנס זענען אָנגעלאָפן

פון איין ווינקל צום צווייטן. די גרויסע פענצטער האָבן
נאָך פון אונטן שטאַרק אויסגעפלאַקערט אין רויטן
פייער פון דער ווייטער זון, וואָס גייט אונטער, ווי עפּעס
אַ סך לאָמפּן מיט אַראָפּגעדרייטע קנויטן.

כ׳בין געלעגן און געקוקט אין די פאַרפלאַמטע פענצטער.
אַלע מאָל האָט אַ שאָטן זיך דורכגעשליאַפּעט.
מסתמא אַ ייִד, האָב איך געטראַכט, צום קאַצקער שטיבל.
דער חלב פון די ליכט האָט אַראָפּגעקאַפּעט

אויפן טישטעך און כ׳האָב נאָר מורא געהאַט, אַז טאָמער
וועט זיך עס אָנצינדן. כ׳זאָל אפשר אויפוועקן
קאַטעקן? וואָס וועל איך אים זאָגן? פאַרשלאָפענערהייט
קען ער זיך נאָך, חלילה, מער איבערשרעקן.

כ'האָב שוין יאַקאָס ווי נישט געפילט ס'בראָטן אין די ריפּן
און די פּיס, ווי צוויי העלצער — אָפּגענומען,
שטיקער ליים. אין קאָפּ האָבן מיר געסטוקעט העמערלעך
און ס'האָט מיר עפּעס שטאַרק געטריקנט דער גומען.

פּלוצים האָב איך מיך זייער דערשראָקן. ס'האָט עמיצער
אַריינגעקוקט אין פענצטער — יאָ, אַ ציגאַנקע!
זי האָט געשמייכלט און עפּעס וואָס געזאָגט. מסתמא,
ווען זי האָט געזען, דאָ אין שטוב ליגט אַ קראַנקע,

האָט זי געהאַט גרויס חשק אַריינצוגיין אָפּשפּרעכן,
צי וואַרפן קאָרטן. אָבער ווען? פּונקט אַצינדער,
יום-כיפּור ביי נאַכט, צו כל נדרי! כ'האָב איר מיטן פינגער
אָנגעוויזן, אַז זי זאָל זיך וואָס געשווינדער

פאַרנעמען. זי האָט מיר אַרויסגעשטעקט, די ציגאַנקע,
אַ לאַנגע צונג און אַוועק. ווי שוואַרצע בערן
האָבן זיך די שאָטנס געדראַפּעט אויף די ווענט. קאָטעק
איז געשלאָפן און כ'האָב אים געקושט מיט טרערן.

אָסיען

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אָסיען און די טעג שלעפּן
זיך נודנאָטע ווי פּוילע פערד. פון די שטאַרקע
רעגנס, וואָס זעצן פּונקט ווי מיט האַמערס אין די דעכער,
ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס האַקט מען שוין מיין קרקע.

העט פון פאַר די ימים-נוראים אָן ביז אַצינדער
האָב איך מיך שוין פונעם בעט נישט אויפגעהויבן.
און ווי אַזוי? אַז כ'קען נישט אַ ריר טון מיט קיין אבר.
ליג איך און קוק אין די פאַררעגנטע שויבן

און ווי דער ווינט רייסט זיי שיִער נישט אַרוים פון די ראַמען.
אוי, דער ווינט קלאָגט אַזוי שרעקלעך, אַז כ'פאַרטייע
מיך מיט וואָס ס'זאָל נישט זיין, נישט צו הערן. ווייל כסדר
דאַכט זיך מיר, אַז דאָס וויינט מען ביי מיין לוויה.

די מאַמע, וואָס איז אַליין גוט קראַנק, פאַרשטייט שוין, נעבעך,
אַז כ'האַלט זייער שמאָל. זי דערמאָנט דעם טאַטן
אַ גאַנצן טאָג, ר'זאָל גיין אַריינרופן סראַליע רופא.
זיינע רפואות? נישט זיי העלפן, נישט זיי שאַטן;

טאָ זאָל זיין דער רופא. מ'וועט שוין ווידער עפּעס מוזן
נעמען פאַרזעצן צו קענען אים באַצאָלן.
די מאַמע וויינט פאַרן טאַטן: „דוד, צו ראַטעווען
אַ קינד דאַרף מען לויפן איבער בערג און טאָלן".

דער טאַטע איז געגוג סמוטנע, שווייגט, אָבער זיין שווייגן
איז הוילע ווייטיק. כ'האָב אויכעט געזען טרערן
אין זיינע אויגן, טאַקע נעכטן, ווען די מאַמוניע
האָט אים געזאָגט: „איטע וועט אַנטשלאָפן ווערן,

ווי און ווינד דער מאַמען אירער, אָן אַ קרעכץ אַפּילו.
מיר פֿאַרטאַכלעוועז ס׳קינד, מירן זי פֿאַרשפּילן — — —"
און זי האָט לאַנג געחלשט, ביז דער טאַטע מיט לייבן
האָבן זי דערמינטערט מיט טראָפּנס און פּילן.

ס׳איז געווען פֿאַר נאַכט. דער טאַטע איז אַוועק. מסתמא
דאַוונען מנחה. די מאַמוניע איז געליגן
אויף דער קושעטקע בלייך ווי די וואַנט. די גאַנצע סטעליע,
האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, האַלט זיך אין איין וויגן.

פּונקט ווי שטאָק נאַכט איז מיר געווען טעמנע אין די אויגן.
פֿון אַ דאַך האָט אַראָפּגעקראַקעט אַ וואָנע.
אויפֿן גאַס האָט געציבערט. לייב האָט זיך צוגעבויגן
צו מיר און געזאָגט, ר׳האָט פֿאַר מיר אַ מתנה

אַ קליינעם מעדאַליאָן, וואָס ר׳האָט באַקומען ביי קאַרפּן
דעם זייגערמאַכער פֿאַר אַ טייערער שפּינקע.
נאָך עפּעס האָט ער מיר געזאָגט: ר׳וועט שפּילן טשאַיקאָווסקין,
נאָר צוליב דער מאַמוניען — מיט אַ סאָרדינקע.

דער לעבעדיקער קבר

די אָסיענדיקע מעת־לעתן האָבן זיך געצויגן
און כ׳האָב שוין נישט געקענט רירן מיט קיין אבר.
כ׳האָב געפילט — איך פויל, איך צעפֿאַל מיך פֿראַמע אויף שטיקער.
ס׳בעט איז געוואָרן מיין לעבעדיקער קבר.

אין שטוב האָט מען אַלע טאָג גערעדט פון סראַליע רופא,
אַז אַט גייט ער, קומט ער, נאָר ר׳איז נישט געקומען.
ס׳איז שוין נישט געבליבן קיין שום חפץ צו פֿאַרזעצן.
די פּאַדאַטקעס האָבן אַלצדינג צוגענומען.

די מאַמוניע האָט מיך געטרייסט, אַז זי וועט פֿאַרקויפֿן
ס׳לעצטע העמד פון זיך ; זי וועט אַרויסטראָגן
אויפֿן מאַרק די שבתדיקע לייכטער, אַבי קענען
רופן דעם רופא, דאָס האַרץ זאָל איר נישט פּלאָגן.

לייב אַרבעט נישט. אַ זאַבאַסטאָווקע. די אַרבעטאָרערס
ווילן, זאָגט ער, מ׳זאָל זיי גיבן אַ נאַבאַווקע.
מ׳האָט שוין אַריינגעזעצט אין אָסטראָג אפשר צען מענטשן.
יויכענס יורש, דער באַלעבאָס, וויל שוין דווקא

יאָ עפּעס דערלייגן, אָבער די גאַנצע נאַטשאַלסטווע
האָט זיך פּלוצים אַריינגעמישט און דער טאַרטעק
שטייט שוין קנאַפּע דריי וואָכן. מיט די עטלעכע זלאָטעס,
וואָס לייב האָט געבראַכט, איז מען שוין כמעט פֿאַרטיק.

לייב גייט אום אָנגעדויעט און מ׳טאָר אים נישט טשעפּען.
אַפילו דעם טאַטן ענטפערט ער צו בייזלעך.
נעכטן האָט ער זיך גוט צעשריגן, סטייטש, די מאַמוניע
האָט אים געזאָגט : „טו אָן קאָטעקן די הייזלעך״.

אָבער דער כעס גייט אים גיך איבער, ווען ער נעמט שפּילן.
און מיין ברודער איז שוין איין מאָל פון אַ שפּילער!
מיטן פידל וואָלט ער זיך געקענט מערער פאַרדינען,
ווי דזשוויגען ברעטער, נעבעך. אָבער דאָס וויל ער

נישט, וועט ער קיין מאָל, טענהט ער, נישט טון. סטייטש, די פידל
איז זיין נשמה און ר׳וועט זי נישט פאַרקויפן
צו קיינעמען פאַר קיין שום געלט. אָבער די מאַמוניע
מוז דערוויילע, ווי ס׳שטעלט זיך דער מאָרגן, לויפן

פאַרזעצן ס׳לעצטע און ווי קריגן עטלעכע גראָשן
צו קענען כּאָטשבע איין מאָל אין וואָך אָפּקאָכן
אַ פּיסנע יושקע פון האָבערגריץ, אָדער האַלעשקעס.
ווען איך וואָלט נישט ליגן אַזוי־אַ צעבראָכן

אויף שטיק שטיקלעך, וואָלט איך געגאַן רייניקן פּאָדלאָגעס,
וואַשן גרעט, די מאַמוניע זאָל נישט סטראַדאַיען,
נישט וויינען אויף איר דאָליע. אַז נישט, מאַכזשע, גאָטעניו,
אַז מיין סוף זאָל זיך צו מיר צו לאַנג נישט האַיען.

וואָס די שוויבן זאָגן

שוין כמעט צוויי וואָכן, אַז ס׳קומט מיר אָן שווער צו האַלטן
ס׳שרייבפּענדל. כ׳קען מיך נישט אויפזעצן. די אויגן
דינען מיר נישט מער. כ׳האַלט זיי אָפן, נאָר כ׳זע נישט. עפּעס
ווי מיט אַ טומאַן זענען זיי מיר פאַרצויגן.

די פאַרשריבענע טיטראַט־בלעטלעך, וואָס כ׳האַלט זיי ליגן
אונטערן קישן אַזוי ציטעריק־טייער,
האָב איך שוין נישט איבערגעלייענט טאָקע פון דענצמאָל
אָן, ווען אין די ריפּן איז מיר אַריין ס׳פייער.

איך חלש, עמיצער זאָל זיי מיר איבערלייענען
און כ׳זאָל קענען הערן. פּאַטרודיען דעם טאַטן,
צי דער מאַמען, איז שוין צו פיל. חוץ דעם, כ׳שעם זיך עפּעס.
און זינט לייב האָט פאַרזוכט דעם טעם פון די קראַטן

אין דער גרויסער טערמע דריי מעת־לעת, איז גייט ער, נעבעך,
אַרום אָן אַ קאָפּ, מיינע שונאים. ר׳האָט מורא,
מ׳זאָל אים נישט ווידער קומען נעמען. ער שיקט דעם טאַטן
אַלע מאָל אין טאַרטעק, ר׳זאָל ווערן געוווירע

וועגן דער זאַבאַסטאָווקע, צי מ׳זעט נאָך די זשאַנדאַרן,
וואָס שטייען דאָרט מיט די אויפגעשטעקטע שטיקעס
גרייט צו דערהרגענען די אַרבעטאַרערס, וואָס זענען,
זאָגן זיי, פאַרקויפטע באַנדעס באָלשעוויקעס.

איז ווי קען איך אים גיין בעטן, ר׳זאָל זיך אָוועקזעצן
לעם מיר און לייענען מיינע פּאַטשקערייען? —
ער וועט קלאָמפּערשט זאָגן יאָ, אָבער דערנאָכדעם וועלן
אים סיי די נערוון און דער חשק נישט סטייען.

איז כּאַבּאַי קאָטעק... אָבער ער איז דאָך, מיין ברודערל,
נאָך אַ קינד. וואָלט ער געוועזן גרויס, וואָלט ער זיכער
זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. אוי, ווי אים גלוסט זיך תּמיד
מיין שרייבפּענדל, אָדער צעמישן לייבס ביכער.

דערווייַלע האָב איך קיינעם נישט אין שטוב, מ׳זאָל מיר קענען
טון די געפעליקייט. כּאָטשבע איין מאָל הערן
וואָלט איך וועלן, וואָס כ׳האָב אַזוינס אין טיטראַט פאַרשריבן;
דערנאָכדעם וואָלט איך געמעגט אַנטשלאָפן ווערן

אויף אייביק. סיי ווי סיי פיל איך, אַז מיין זייגער כריפּעט,
אַז אָט-אָט שטעלט ער זיך אָפּ און האָדיע. קיינער
ווייסט נישט, אַז כ׳צייל שוין אַצינדער די טעג, נייַן, די שעהן,
ווייל מיין סוף איז נאָוונט. אַפילו דער שיינער

רופא, וואָס די מאַמע וויל רופן, קען עס נישט וויסן.
די פּאַרווייַנטע שויבן, דער ביטערער אָסיען,
הער איך, רייצן זיך מיט מיר: „ליבער וואָרט שוין, אַז ברענגען
זאָלסטו אים אַ גרוס פון זיין מאַמען, פון ראַסיען".

„די שיינע רויז וויאָנעט"

נעכטן פאַר נאַכט, ווען ס׳האָט שטאַרק געגאָסן אַ רעגן,
איז די מאַמוניע ראַפּטעם אַרייַנגעקומען
מיט סראָליע רופא. ר׳האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם נאַסן
פּלאַשטש, אויסגעווישט די פּענסנע און מיר גענומען

אַ פּאָר מאָל דעם דופק, אַריינגעקוקט אין די אויגן,
זיך פאַרטראַכט און געזאָגט: „די שיינע רויז וויאָנעט".
די מאַמוניע, מיטן ליכט אין האַנט, האָט זיך געגיבן
אַזשע אַ וואָרף פון סראָליעס זאָג און ביז וואַנעט

דער רופא איז אַוועקגעגאַן, האָט זי אים געהאַלטן
אין איין מוטשען, צי מ׳דאַרף מיט מיר זארעז לויפן
קיין לעמבעריק, צי וואַרשעוו און צו וועלכן פּראָפעסער,
ווייל זי איז גרייט צו פאַרזעצן און פאַרקויפן

די שאַפע, דעם קופערט, ס׳בעט, אַבי מיך צו ראַטעווען.
„ס׳מוז דאָך זיין אַ רפואה", האָט זי אַלץ געטענהט
צו סראָליען לעם דער קיך־טיר ביים אַוועקגיין. אָבער
ער האָט ווידער געזאָגט: „די שיינע רויז וויאָנעט".

די מאַמוניע איז מיט אַ געוויין אַריין אין ספּאַלניע:
„זאָג מיר, דוד, ווי פיר איך אַוועק פון דאַנעט
דאָס קינד כאָטשע קיין לעמבעריק און טאָקע שוין מאָרגן
אין דער פרי? ווי צו מיר, מיין שיינע רויז וויאָנעט!"

דער טאַטע איז געשטאַנען פאַרקוקט אין די שויבן,
וואָס זענען געווען, ווי טונקלע שטיקער גראַנעט.
ר׳האָט געזיפצט און אַלע מאָל זיך געבראָכן די פינגער:
„טאַטע זיסער, העלף מיר, מיין שיינע רויז וויאָנעט".

כ׳האָב מיך נישט געקענט רירן. פאַר די אויגן, וואָס דינען
מיר שוין נישט אַ לאַנגע צייט, זענען געפלויגן
שטיקער פייער. זיך אָנגעצונדן, זיך אויסגעלאָשן
און אַלץ האָט זיך מיט אַ פינצטערניש פאַרצויגן.

כ׳האָב נישט געקענט רעדן, ווי עמיצער זאָל מיך ווארגן.
ביידע פיס, האָט זיך מיר געדאַכט — צעשטאָכענע.
כ׳האָב אויפגעהויבן אַ האַנט, איז זי צוריקגעפאַלן
פונקט אַזוי ווי אַ צווייג אַן אָפּגעבראָכענע.

אין ספּאַלניע, ביי אַ ליכט, האָב איך געהערט, ווי דער טאַטע
זאָגט עפּעס לאַנג, מסתם תהילים, זאָגט און כליפּעט.
דער ווינט האָט געריסן אַ לאָדן און די הויזנטיר,
נישט צוגעמאַכט, האָט זיך געוויגט און געסקריפּעט.

כ׳האָב געפילט — אַלץ גייט אויס אין מיר פון רגע צו רגע,
טאַקע ווי עפּעס אַ קווייט, וואָס ווערט פּאַטאַנעט.
בלויז אין די אויערן איז מיר געשטאַנען דער מאַמעס
יאָמערלעך געוויין: „ווײ, מיין שיינע רויז וויאַנעט״.

בוענאָס־איירעס, 1957—1958

פּאַרטייטש פון ווערטער

א

אויסקאָרנייעט — **אויסגעוואָרצלט**
אַטווזשציע דזשווי, פּשיאַ קרעוו, שמשע־
לאַמי — **עפּנט די טיר, הינטיש בלוט,
מיר שיסן**
אַנגעדויעט — **ברוגז**
אַנגעוויאַזשעט — **אָנגעזעצט**
אַסטראָג — **תּפיסה**
אַסטראָזשנע — **פאָרזיכטיק**
אַפּאַסנע — **מסוכן**
אָקאָפּעס — **שוצגראָבנס**
אוספּייעט — **באַוויזן**
איליצעס — **גאַסן**

ב

באַלשעוויקי סכאָוואַני, מווו גדזיע אַני,
זשיד — **באַהאַלטענע באָלשעוויקעס,
זאָג, ווו זענען זיי, ייִד**
בוטיבע — **כלומרשט**
בידנע — **אָרעם**
ביסטרע — **שאַרף**
בלאַגאָפּאָלוטשנע — **מיט חסד**
בעזפּאַקאָיען — **באַאומרויִקן**
בעזרענקאַוויק — **יאַקע אָן אַרבל**

ג

גולייען — **פאַרברענגען**
געבאַרעט — **געראַנגלט**
געקאָנטשעט — **געענדיקט**
געראַניעט — **פאַרוווּנדעט**
גערעשעט — **באַשלאָסן**

ד

דאַליע — **מזל**
דאַנינע — **אַ שטייער**
דאַנדיק — **נאַר**
דובלטוווקע — **צווייערעריקע ביקס**
דוואָר — **שלאָס**
דרעוווקעלע — **שפּענדל**

ה

האַיען — **זוימען**
האַלעשקעס — **קליסקעלעך**

וו

וואַיסק — **מיליטער**
וואַלענקעס — **פּאָלאַנעס**
וויאַנען — **וועלקן**
וויוגע — **זאַווערוכע**
וויעטשניפּאַסודנע — **עמאַלירט געפעס**
ווע ליאָן — **כלה־שלייער**
וועסעלע — **חתונה**
ווראַגעס — **קראָען**
וורעדנע — **געפערלעך**

ז

זאַבאַבאָנעס — **איבערגלויבענישן**
זאַבאַסטאָווקע — **שטרייק**
זאַהיקע — **כבד־פה**
זאַרעז — **תיכף**
זשידזשי פאַרכאַטי, פשיאַ קרעוו, באַלשעוויקי, וראַגי — **פאַרשיווע יידן, הינטיש בלוט, באַלשעוויקעס, שונאים**

ט

טאַינע — **געהיים**
טאָוואַרני באַן — **פראַכטצוג**
טאַטש ווי־טאַטש — **פינקטלעך**
טולפּאַ — **המון**
טומאַן — **נעפּל**
טעמנע, טעמנאַטע — **פינצטער**
טשודנע — **מאָדנע**
טשוטקעלע — **אַ ביסעלע**

י

יאַזדע — **נסיעה**
יאַסנע — **קלאָר**
יאַקאַ צודנאַ ליאַלעטשקאַ — **סאַראַ וווּנדערלעכע ליאַלקע**

כ

כאַכאָל — **פּויערן־קאָפּ**
כ׳לאַפּנע — **איך פּלאַץ**
כ׳סמעיע נישט — **איך וואַג נישט**

ל

לאָווקע — **געשיקט**
ליאַנעווע — **אליהו הנביא**
ליאָס — **גורל**
ליובעזנע — **ליבלעך**
ליעטנע — **זומערדיק**
לישייעס — **פלעקן**

מ

מאַלעט — **פאָרך**
מאַניפאַרגעס — **שמד־שטיק**
מאַקערטע — **ערדענע שיסל**
מאַשעניק — **שווינדלער**
מעשטשאַנעס — **קליינע גוטבאַזיצערס**
מיליען — **רייבן**
מעדלענע — **פּאַמעלעך**
מערזאַווצעס — **נידערטרעכטיקע**
מראַק — **פויל רעגנדל**

נ

נאַבאַווקע — **לוין־הוספה**
נאַטשאַלסטווע — **די מאַכט**
ניבע־טאָ — **כלומרשט**
נימאַניע — **געדאַנק**
ניע — **ניין**

ס

סאַגלאַסנע — **מסכים**
סומאַטאַכע — **בהלה**
סומנע — **טריב**
סטוי, דראַן — **שטיי, אויסוואָרף**
סטראַדאַיען — **ליידן**
סטראַמפּ — **סמאַרקאַטע**
סטראַשנע — **שרעקלעך**
סינאָק — **זונדל**
סיניעקעס — **בלויע צייכנס**
סיניק — **שטרויזאַק**
סיערע — **גרוי**
סמוטנע — **אומעטיק**
סנאַראַדן — **שראַפּנעלן**
סעדעכע — **אויבס־פּאַרקויפערן**
סעריאָזנע — **ערנסט**
ספּאַלניע — **שלאָפצימער**
ספּאַקאַיע זיך — **באַרויִק זיך**
סקאַסנע — **קרום**

פּ

פּאַדאָסקעס — **שטייערן**
פּאַדעניצעס — **אַראָפּגעפּאַלענע אומצייטי־קע עפּל**
פּאָוויעטשע — **לופט**
פּאָוויעסטקע — **מעלדונג**
פּאָזוואָליעט — **דערלויבט**
פּאָזשאַרנע — **פייערלעשער**
פּאָטאָנעט — **וועלקט**
פּאַטרודיען — **באַמִיען**
פּאָטרעכעס — **געדערעם**
פּאָלנע — **גאַנצע**
פּאָלאַדען — **צו רעכט מאַכן**
פּאָלעש — **אימפּעט**
פּאָסטראָנקעס — **שטריק**
פּאָראָנדעק — **אָרדענונג**
פּוליע — **קויל**
פּוליעמיאָטן — **קוילנוואַרפערס**
פּוסטיניע — **וויסטעניש**
פּיוואָרניע — **פלוצים**
פּיסנע — **טרוקן**
פּעטיעך — **גולם**
פּיעכאָטע — **אינפאַנטעריע**
פּיעקע — **חמימה**
פּלאָכע — **שלאַבעריק**
פּלאָשטש — **מאַנטל**
פּליאָמעס — **פלעקן**
פּלען — **געפאַנגענשאַפט**
פּעלעכעס — **לאַנגע האָר**
פּערען — **ברענען**
פּראָגניעט — **לעכצט**
פּראָמע — **כמעט**
פּריקלאָדן — **ביקסן־העַנטלעך**
פּרענדזעי — **גיך**

פֿ

פֿאַרסאָכניעט — **אויסגעטריקנט**
פֿאַרדומעט — **פֿאַרדמיונט**
פֿאַרליובעט — **פֿאַרליבט**
פֿאַרצעפּעוועט — **אַרומגערינגלט**
פֿליאָקעס — **פֿאָליאַקן**

צ

צאָט — **אַ לאַנגער צעטל**
צעלאָמעט — **צעבראָכן**

ק

קאָבילע — **שקאַפּע**
קאָטאָקל — **ווינקל**
קאָטשענעס — **קוקורוזע**
קאָמעניצע — **מויער**
קוקלע — **ליאַלקע**
קידען — **וואַרפן**
קראָסאָוויצע, קראָסאָטקע — **שיינהייט**

ר

ראָזבויניקעס — **מערדער**
ראָסט — **הייך**

ש

שום, שומען — **רויש, רוישן**
שטשאָקעס — **קינבאַקן**
שקורע — **פעל**

פאַעטישע ווערק פון זעלבן מחבר:

געזאַנג אויף דער ערד (לידער און באַלאַדעס), בוענאָס־איירעס, 1941

מיט לייב און לעבן (לידער און באַלאַדעס), בוענאָס־איירעס, 1943

אַ פייפל אין פרימאָרגן (לירישע לידער), בוענאָס־איירעס, 1944

ברויט מיט חלום (לידער פאַר קינדער), בוענאָס־איירעס, 1950

די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן (לידער און באַלאַדעס), בוענאָס־איירעס, 1950 (צבי קעסעל־פּרעמיע, מעקסיקע, 1950)

מיינע ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן (פּאָעמע), בוענאָס־איירעס, 1952 (ליטעראַטור־פּרעמיע פון דער קהילה אין בוענאָס־איירעס, 1954)

פּיזאַזשן פון ישראל (לידער), בוענאָס־איירעס, 1954 (אַדאָלף ניומאַן־פּרעמיע ביים אַלוועלטלעכן ייִדיש קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)

איך און דער ים (לידער), בוענאָס־איירעס, 1958

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מײַן חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זײַדמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע־ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אַברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שנײַדערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקעלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאָס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אַברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מײַן היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אַלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מײַנע זיבן יאָר אין תל־אָביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אַברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר אַ. מוקדוני — מײַנע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פײַער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, יִשׂראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לײַב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־אײַרעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מײַנע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דײַטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מײַזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע, 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואג
82-83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85-86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספארקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג (זכרונות) (אויספארקויפט)
89) משה־דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91-92) עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון האראנטשיק — אין גערויש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95-96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקא, 1954)
97-98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאס־איירעס, 1955)
102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105-106-107) מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958)
108-109) מרדכי שטריגלער — געארעמט מיטן ווינט (ראמאן)
110-111) ד״ר א. מוקדוני — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956)
112) ברוך האגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956)
113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)
114) פנחס שטיינוואקס — יידן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאס הויז פון ליאלקעס (אויספארקויפט)

116) מאַקס ווײַנרײַך — פון ביידע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אַברהם טענענבוים־אַרזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124־125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126־127) אַברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפֿאָרן
129־130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפֿן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פֿאַרשווונדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141־142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספֿאַרקויפֿט)
143־144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפֿרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספֿאַרקויפֿט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאָמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כעלעם (אויספֿאַרקויפֿט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — די בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פּאַרהאַנג (אויספֿאַרקויפֿט)
153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מײַן לײַדנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אָפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברײַנסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) דוד דאַווידאָוויטש — שולן אין פּוילן

159) א. אלמי — זאמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — יידן אין אלטן פוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
162) ישראל עמיאָט — פאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) הערשל ה. וויינרויך — קאַמיסאַרן
165) ישעיה טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
166) אַברהם זאַק — אין אַנהייב פון אַ פרילינג
167) שלמה שאַפּיראָ — זכרונות פון אַ מאַראַן
168) ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אַמור דאַריאַ
169) ד. זאַקאַליק — אין שטורעם
170) נ. קאַנטאַראָוויטש — פאַרשוווּנדענע יידישע ישובים
171) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן (באַנד 2)
172) קעהאָס קליגער — די שיינע רויז (טעג און נעכט פון אַ מיידל)

עס גרייט זיך צום דרוק:

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — אויף מיין וועג... (שרייבער און קינסטלער)
אַברהם זאַק — אויף וועגן פון גורל (דערציילונגען)
נחמן בלומענטאַל די יידישע ליטעראַטור אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע
ד״ר ל. וואָלמאַן — יידישע דאָקטוירים אין פוילן
ד״ר יוסף קרוק — זכרונות
דוד לעדערמאַן — די לעצטע טריט

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

י. האָרן שרייבט וועגן שלמה שאַפּיראָס בוך „זכרונות פון אַ מאַראַן" („די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 7טער אַפּריל 1963):

דייטשע פּראָפעסאָרן, תליונים און זייערע מיטהעלפער, האָבן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געטאָן אַלץ כדי אומצוברענגען ייִדן און פאַרניכטן אונדזער פאָלק.

דייטשע געלערנטע האָבן צוגעשטעלט די אכזריותדיקע פּלענער און טריי די פּלענער, איז די מאָרד־אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן.

נאָך די וויסטע יאָרן, אַז דער חשבון האָט געוויזן, אַז מיר זענען אַלס פאָלק קלענער געוואָרן מיט אַריבער זעקס מיליאָן נפשות און צווישן זיי אַ מיליאָן קינדער, האָט מען זיך אין דער ייִדישער וועלט, אין די פרייע לענדער, אַרומגעזען, אַז אַלע צוזאַמען האָבן מיר נישט גענוג געטאָן, כדי אָפּצושטעלן דאָס אויסמאָרדן אונדזערע ברידער.

ווער ס׳רעדט וועגן דעם שאַרפער, ווער שוואַכער — דער פאָרוואורף פון זעלבסטשולד גייט אַרום אין דער ייִדישער וועלט.

הויפּט־אָנפירער פון מלחמות שרייבן זכרונות און ווייזן אָן אויף באַגאַנגענע פעלערן. איז ווי זאָלן מיר ייִדן, וואָס אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרן אין אַ מלחמה — וואָס מיר האָבן קיינעם נישט דערקלערט — נישט נאָכזוכן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

טרויערן, פּראַוועון יאָרצייטן, אַרויסגעבן יזכור־ביכער, שטעלן מאָנומענטן כדי די קדושים זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן, איז אונדזער חוב. צו דעם דאַרף אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן חורבן, מיט אונדזער פאָלקס־בראָך אויסגעפאָרשט ווערן, הגם אונדזערע מיליאָנען טויטע וועלן שוין מער נישט צוריקקומען צו זייערע פאַמיליעס.

עס איז אָנגענומען, אַז במשך זעקס יאָר קאָן מען אַ פּראָסטן מענטש, וואָס האָט ווילן, דערפירן צו אינטעלעקטועלער הויך. די זעלבע צייט דאַרף אויך נעמען אַראָפּפירן אַ מענטש אין תהום און אַפילו אים פאַרוואַנדלען אין אַ מערדער.

אין די רויִקע יאָרן האָבן פיל געמיינט, אַז דאָס זענען בלויז מחשבות; דערנאָך האָט מען איינגעזען, אַז אויך פעלקער קאָנען ווערן מוראדיק אַכזריותדיק און מאָרדן אויפן גרויסן פאַרנעם.

צי האָט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק גערויבט, געפּייניקט און אומגעבראַכט ייִדן, אָדער אַ טייל האָט זיך אָפּגעהאַלטן?

דער גרויסער משפּט איז נאָך נישט פאָרגעקומען און אַפילו נאָך נישט אונטערגענומען געוואָרן. דאָ אָדער דאָרט ווערן

געמשפּט נאַצישע פירער, אייניקע זיצן אין תּפיסה און איין מאַסן־מערדער האָבן ייִדן אין ישׂראל געמשפּט, דאָס זענען אָבער נישט מער ווי טראָפּנס פון דעם בלוטיקן ים.

ייִדישע פּאָעטן, דערציילער, האָבן געשריבן ביכער, וואָס זענען גרויסע באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן דייטשן, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, וואָס האָבן אומגעבראַכט אונדזערע שוועסטער און ברידער; עס זענען דערשינען ביכער פון ייִדן ניצול געוואָרענע פון די גאַז־אויוונס; עס זענען צונויפגעקליבן געוואָרן דאָקומענטן, וואָס ייִדן האָבן איבערגעלאָזט ערב זייער אומקום און טייל זענען אויך ווענדונגען צו גאָט, אָדער גאָר אַ לעצטע תּפילה, אַז דאָס פייער אין די גאַז־אויוונס זאָל קיין האַפט נישט האָבן.

ווען עס קומט מיר דעריבער אויס צו לייענען אַ בוך פון איינעם, וואָס איז ניצול געוואָרן פון די דייטשע גאַז־אויוונס, זיך איך קיין מאָל נישט ווי אַזוי דאָס בוך איז געשריבן, נאָר וואָס דער מחבר דערציילט.

ליטעראַטור, קונסט, האָט צו טאָן מיט רויִקייט. וועגן דער קאַטאַסטראָפע פון אונדזער פאָלק קאָן מען נאָך רויִק נישט דערציילן. די וווּנדן זענען אָפן, דער חורבן איז גרויס, עס גילטן דעריבער אפשר גאָרנישט אונדזערע אַלע פריִערדיקע ליטעראַרישע כּללים.

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט פאָר מיט זיך דאָס אַלץ, וואָס עס ווערט דערציילט פון די, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט אַלס נישט־ייִדן. זיי האָבן זיך פאַרלאָזט לאַנגע וואָנסעס, אַנדערש געקליידט, אַרויפגעצויגן אויף זיך שטיוול און זיך געמאַכט פאַר פּאָליאַקן און דייטשן.

אַ היפּשע טייל פון פאַרשטעלטע אַריער האָט מען געכאַפּט און אומגעבראַכט; אַ טייל זענען אָבער געבליבן לעבן. כּדי זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ פּאָליאַק, אָדער גאָר פאַר אַ דייטש, האָט נישט בלויז דאָס פּנים געדאַרפט צוהעלפן, מען האָט באַדאַרפט אַרויסבאַקומען די געהעריקע דאָקומענטן און היסן, ווי נישט־ייִדן פירן זיך און קודם־כּל האָט מען געמוזט קאָנען פויליש, אָדער דייטש, אַז עס זאָל נישט פאַלן דער מינדסטער חשד.

האָבן דאָך אַנטיסעמיטן און ראַסן־העצער אַזוי פיל געזאָגט אַז אין אַלעם דערקענט מען דעם ייִד, אַפילו ווען ער פאַרבאַהאַלט זיך און אַפילו ווען ער איז שוין לאַנג געשמדט.

דאָס געיעג אויף ייִדן איז געווען אַזוי גרויס, אַז טייל ייִדן האָבן שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז ייִדיש בלוט דערשפּירט מען... ברענגט דאָך י. י. טרונק, אַז אין די מלחמה־יאָרן, ווען ער איז געלאָפן פון וואַרשע און אָנגעקומען אין אַ דאָרף נעבן גאַרוואָלין, האָבן פּויערים אין דאָרף דערפילט, אַז ער ליגט פאַרבאַהאַלטן אין אַ שייער. די פּאָליאַקן אין דאָרף האָבן אים נישט געזען, דאָך האָבן זיי געוווּסט, אַז ער איז דאָ און דער באַלעבאָס פון שייער האָט אים געהייסן אַנטלויפן, ווייל די פּויערים וועלן קומען מיט ווידלעס.

דאָס האָט י. י. טרונק איבערגעלעבט, אַזוי האָט ער געפילט און עס אַרויסגעבראַכט. אין די ווילדע יאָרן, ווען ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן, האָבן טרונקס איבערלעבונגען ביז גאָר שווער געווירקט און עס איז שווער געווען עפּעס צו זאָגן.

ווען די אַליאירטע פעלקער האָבן געזיגט און היטלער איז אומגעקומען, און די לעבנגעבליבענע ייִדן, וואָס זענען געפּייניקט געוואָרן פון דייטשן און זייערע מיטהעלפער זענען געקומען צו זיך, און אַ טייל ייִדן וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט אַלס אַריער זענען צוריקגעקומען, האָט דער געדאַנק, אַז אַ ייִד — נישט בלויז מ׳דערקענט אים,

נאָר מען דערפילט אים — אָנגעהויבן ווערן בלאַסער.

אמת, מענטשלעך בלוט האָט אַ ריח, מ׳קען אָבער נישט דערשפּירן די אָפּשטאַמיקייט פון אַ פאָלק און עס האָט געפּלאַצט די נאַצישע טעאָריע נישט בלויז ביי די דייטשן, נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער.

וואָרעם, ווען עס וואָלט געווען, ווי די דייטשע פּראָפעסאָרן האָבן געלערנט, וואָלטן דאָך אַ רייע ייִדן זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן אַלס אַריער, זיין נעבן די דייטשן און אפילו אין די גרויזאַמסטע יאָרן לעבן אין דייטשע שטעט.

האָט דאָך שלמה שאַפּיראָ ע״ה, דער מחבר פון „זכרונות פון אַ מאַראַן״, דאָס בוך, וואָס איז נאָר וואָס דערשינען אין היגן פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, געלעבט אין די מלחמה־יאָרן אין מינכען און אין אַנדערע ערטער אין דייטשלאַנד און פאַרנומען אַ פּאָסטן אַלס הויפּט־בוכהאַלטער און אָנפירער פון אַ רייע אונטערנעמונגען.

ווי דאָס פּנים זאָל שלמה שאַפּיראָן נישט האָבן צוגעדינט, זיין אינטעליגענץ און שפּראַך, איז ער דאָך געווען אַ ייִד, וואָס האָט געשטאַמט פון זאַלאָזשיץ, מזרח־גאַליציע, געהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן אין אַן עכטער ייִדישער שטוב.

ליידער לעבט שוין מער נישט דער מחבר פון „זכרונות פון אַ מאַראַן״ — שלמה שאַפּיראָ — דאָס וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין בוך, וועט אָבער זיין לדור־דורות.

„אין 1947 האָט ער זיך באַזעצט אין ישראל און אין 1959 איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, אַ קראַנקייט, וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזט זינט די אָקופּאַציע־יאָרן״.

זיינע זכרונות האָט דער מחבר — ווערט געזאָגט אין דער ביאָגראַפיע — פאַרצייכנט אויף דייטש, אין ישראל האָט ער די זכרונות איבערגעזעצט אין עברית, וואָס איז דערשינען אין 1953 און איצט איז דאָס בוך דערשינען אין ייִדיש, איבערגעזעצט דורכן דיכטער ל. אַליצקי.

עס איז נישט דאָס ערשטע בוך אין ייִדיש, וואָס דערציילט פון פאַרשטעלטע אַריער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, אונטער דער אָנפירונג פון מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטעלבערג, האָט נאָך אין יאָר 1955, אַרויסגעגעבן דריי בענד פון מיכאַל באָרוויטש „אַרישע פּאַפּירן״, און חוץ דעם זענען דערשינען נאָך אַ רייע ביכער פון ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אויף דער אַרישער זייט.

שלמה שאַפּיראָס „זכרונות פון אַ מאַראַן״ גיבן אָבער אַ סך צו צו דעם, וואָס מיר ווייסן שוין.

וואָס ער דערציילט אַלץ פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט אַלס פאַרשטעלטער אַריער; וויפל מאָל ער האָט אַרויסגערופן חשד, וויפל מאָל מ׳האָט אים געמסרט אין פּוילן און אין דייטשלאַנד.

ער רופט אָן אַ סך נעמען, שטעט, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט נאָך אַזעלכע אַריער און אַריערינס ווי ער, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלטע אין קריסטלעכע היימען און ווי געפּייניקט ער פלעגט ווערן, ווען ער האָט געהערט מיט וויפל שנאה פּאָליאַקן רעדן וועגן ייִדן און וואָס דייטשע פאַמיליעס האָבן געזאָגט וועגן ייִדן, ווי פאַרסמט זיי זענען געווען פון שנאה און ראַסן־האַס.

שלמה שאַפּיראָ גיט איבער, וויפל ייִדיש האָב און גוטס די דייטשן פלעגן אַהיימשיקן פון פּוילן און אַנדערע לענדער און וואָס אַלץ ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין זיין ראָל אַלס אַריער.

ער דערציילט פון דעם, וואָס ער האָט צוגעזען און דורכגעמאַכט און גאַנץ אָפט געפילט, אַז ער ווערט דערשטיקט פון שנאה פון פּאָליאַקן צו ייִדן און פון דער דייטשער אַכזריות און מערדערישקייט.

ווען זיי, די נאַציס, וואָלטן געוווּסט, אַז ער איז אַ ייִד, וואָלטן זיי אים אומגעבראַכט ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט אַלע אַנדערע.

ער איז איבערגעקומען די פינצטערסטע יאָרן, דערלעבט צוריק צו זיין אַ ייִד צווישן ייִדן, טאָן זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין די לאַגערן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע און דערנאָך האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זיינע קינדער און צוזאַמען זענען זיי עולה געווען אין ישראל.

צוועלף יאָר האָט שלמה שאַפּיראָ געלעבט אין ישראל און מיט פינף יאָר צוריק איז זיין לעבן איבערגעריסן געוואָרן.

זכרונות פון אַ מאַראַן" איז אַ רירנדיק בוך, וואָס פאַרכאַפּט ביים לייענען. דאָס בוך איז אויך פאַרזען מיט אַ גרעסערער און באַלערנדיקער הקדמה פון שרייבער און פאָרשער פון דריטן חורבן — נחמן בלומענטאַל, וואָס לעבט אין ירושלים.

א. דאַווידאָוויטש שרייבט וועגן ישראל עמיאָטס „פאַרדעקטע שפיגלען"

(„אונדזער צייט", ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1962):

„פאַרדעקטע שפיגלען" איז אַ בוך מיט דערציילונגען און סקיצן פון ישראל עמיאָט, וועלכן דער ייִדישער ביכער־לייענער קען פון זיינע לידער און פון זיין בוך „ביראָבידזשאַנער ענין". דער נאָמען „פאַרדעקטע שפיגלען" איז דער אָנדייט אויפן ייִדישן מנהג צו פאַרדעקן די שפיגלען אין דער שטוב פון אַ געשטאָרבענעם. ישראל עמיאָטס בוך איז אַזאַ מין ייִדישע שטוב, פון וועלכער מען האָט אַרויסגעטראָגן אַן אויסגעשטאָרבענעם ייִדישן דור און דער מחבר זיצט אין דער ליידיקער שטוב, צוקאָפּנס פון די שפיגלען, וועלכע זענען אַרומגעהאַנגען מיט טיכער און פון אַלע טונקעלע ווינקלען שלייכן אַרויס לאַנג־פאַרגאַנגענע און אין שטויב־צעשאָטענע געשטאַלטן.

ישראל עמיאָט האָט דאָ נישט צוריקגעברענגט צום לעבן אַ דור מיט פאַרגאַנגענע געשטאַלטן. ער האָט זיך נישט אומגעקערט צו דער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו באַגעגענען ביים לעבן זיינע געשטאָרבענע מומעס, פעטערס, זיידעס און באָבעס — נאָר ער האָט זיי געשילדערט פון דער פּערספּעקטיוו פון דער אָפּגעפלאָסענער צייט, אין דער כסדרדיקער אָנוועזנקייט פון די „מצבות אויף קברים", ווי עס הייסט די ערשטע אָפּטיילונג פון זיין בוך. די גאַנצע גאַלעריע מיט געשטאַלטן, וועלכע באַוועגן זיך אויף די בלעטער פון עמיאָטס דערציילונגען, איז אַ גאַלעריע מיט אַלטע, פאַרגעלטע און אַלטפרענקישע פאָטאָגראַפיעס, אָפּגעשטויבטע פון די שיכטן פון צייט און אויסגעשטעלטע נישט אויף אַ פּולער ליכטיקייט, נאָר אין אַ מין צוגעטשאַטעטן בין השמשות. איך בין זיך מודה, אַז ווען איך האָב גענומען לייענען די ערשטע שורות פון בוך, האָט מיך די דאָזיקע אַלטפרענקישקייט פון סטיל אַ ביסל שאָקירט, נאָר ביסלעכווייז האָב איך מיך אונטערגעגעבן דער מוזיק פון די דיאַלאָגן און דעם זינג־זאַנגריטעם פון דעם שרייבערס נאַראַציע און ערשט דעמאָלט האָב איך געהאַט די פולע הנאה פון ישראל עמיאָטס פּראָזע.

עמיאָטס דערציילונגען, פּונקט ווי זיינע לידער, זענען אַדורכגעדרונגען מיט ליריש־קייט, מיט עלעגיע, מיט נאָסטאַלגיע און מיט צניעות. דערביי איז די צניעות — טראָץ אירע אויסערלעכע יידישע שטעטער, — נישט דווקא אַ דורכויס יידישע. אַ סך פון זיינע געשטאַלטן, ווי צום ביישפּיל זיינע „דריי מומעס", האָבן אַ נאָענטע קרובהשאַפט מיט טשעכאָוון. און דאָס זענען נישט די איינציקע, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט זייערע נאַקעטע, סלאַווישע נשמות...

דער הויפּט־מאָטיוו פון עמיאָטס דערציילונגען איז דער מאָטיוו פון איינזאַמקייט: דער מענטש איז נישט שלעכט — ער איז בלויז מוראדיק אַליין. אין די פּאָר סקיצן „פון די סיבירער לאַגערן", וועלכע זענען אַ מין נאָכשפּיל צו זיין „ביאָבידזשאַנער ענין", איז די ליכט פון די שילדערונגען געוואָרפן נישט אויף די תליונים, נאָר אויף זייערע קרבנות.

דאָס בוך „פּאַרדעקטע שפּיגלען" האָט 5 אָפּטיילונגען: מצבות אויף קברים (פון אַ לעבן וואָס איז אַוועק); אין סיבירער לאַגערן; אין גוטע צייטן (פראַגמענטן פון דער דערציילונג „אַ הויז אויף פּאַוויע"); נייער שטייגער; און 6 לידער „פּאַרדעקטע שפּיגלען". דאָס בוך האָט אויך אַ נאָכוואָרט, אין וועלכן עמיאָט זאָגט וועגן זיך, אַז „ער דעקט אויף די אבלותדיקע פּאַרדעקטע שפּיגלען נאָך אַ וועלט, וואָס איז מער נישטאָ. ער דערזעט זיך אַליין אין שפּיגל און מאָנט ביי זיך מער, ווי ער האָט געגעבן". ווייטער זאָגט ער, אַז אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען פון בוך האָט ער „געפּרוווט רעסטאַווירירן די וועלט פון מיין קינדהייט"; אַז ער האָט געמאַכט „קליינע פּרווון צו געבן עפּעס פון זיינע איבערלעבונגען אין די סאָוועטישע לאַגערן"; אַז ער האָט געמאַכט קליינע פּרווון צו געבן דעם נייעם שטייגער אין אַמעריקע". די דאָזיקע פּרווון און דער „עפּעס" זענען אָבער דער חסרון פון בוך, וואָס ליידט פון צו פיל פראַגמענטאַרישקייט, פון צו פיל „עפּעס".

ישראל עמיאָט, דער טיפער לירישער פּאָעט, איז אויך אַ לירישער און טאַלאַנטירטער דערציילער. אַ סך פון די דערציילונגען זענען אָבער בלויז מוסטערן פון דעם, וואָס ער וואָלט געקאָנט געבן דער יידישער ליטעראַטור, ווען ער וואָלט די פראַגמענטאַרישקייט דערפירט צו אַן אויסגעפּאַרטיקטער גאַנצקייט.

Este libro se terminó de imprimir el 15 de junio de 1964 en los Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos. S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires, Rep. Argentina.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג
„דאָס פוילישע יידנטום”, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 172

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley.

Copyright by:

KEHOS KLIGER

BUENOS AIRES

Tapa y dibujos: **José Ratner Mirski**

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

KEHOS KLIGER

LA ROSA BELLA

(Días de una adolescente)

★

Editado por la

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires, 1964